בעזהשי"ת

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא - וַיַּקְהֵ"פ

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו״ר מוהר״ן מברסלב זי״ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות ״היכל הקודש״ חסידי ברסלב**
שע״י עמותת ״ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל״
בהתייסדות ע״י כ״ק מוהרא״ש זצוק״ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת כי תשא, י׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר האבן זוכה געווען צו מקיים זיין דעם שבת די מצוה פון מחיית עמלק; וואס טוט עמלק? זאגן חכמינו זכרונם לברכה (תנחומא כי תצא, ט): ״חוֹתֵךְ זְנָבוֹת וְזוֹרְקָם כְּלַפֵּי מַעְלָה״, עמלק נעמט ׳זְנָבוֹת׳ - ווידלעך, דאס הייסט מענטשן וואס זענען אזוי ווי א ווידל, פשוט׳ע מענטשן, ׳וְזוֹרְקָם כְּלַפֵּי מַעְלָה׳ און ערווארפט זיי ארויף; ער מאכט זיי פאר גרויסע רבי׳ס וכו׳. בשעת וואס די אמת׳ע צדיקים, די אמת׳ע ערליכע אידן, זיי מאכט ער אז מען זאל זיי אראפ קוקן וכו׳.

עס טוט זייער וויי צו זען ווי מען איז מבזה דעם רבי׳ן; ווען מען ווערט געוואר אויף איינעם אז ער נעמט חיות פון רבי׳ן איז מען אים מבזה, מען העצט אנקעגן אים און מען דערווייטערט זיך פון אים.

דאס אלעס טוט עמלק; ער פארשטעלט דעם אמת׳ן צדיק. דער צדיק וואס קען צוריק ברענגען יעדן איינעם צום אייבערשטן, אפילו מענטשן וואס זענען שוין זייער ווייט - פארשטעלט אים דער ס״ם אינגאנצן. ווען דער רבי איז געפארן קיין נאווריטש, אויפן וועג האט ער געזאגט אזוי (חיי מוהר״ן, סימן רנא): ״יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב, וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וַאֲנָשִׁים גְּדוֹלִים אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב. כִּי גַּם הַצַּדִּיקִים צְרִיכִים לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב״, איך קען צוריק ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן; קומט עמלק און מאכט ליצנות אויף די אמת׳ע צדיקים, ער נעמט אנשים פשוטים בבחינות ווידלעך: ״וְזוֹרְקָם כְּלַפֵּי מַעְלָה״, ער מאכט זיי גרויס וכו׳, אלעס נאר צו פארשטעלן דעם אמת׳ן צדיק.

עס ווערן מקורב אינגעלייט און בחורים און זייערע עלטערן ווילן נישט רעדן מיט זיי, זיי האקן אפ און העצן אויף די גאנצע משפחה קעגן זיי, ווען זייער איינציגסטער חטא איז אז זיי קומען אויף אומאן, אדער ווייל זיי שיקן זייערע קינדער אין ברסלב; וואס איז אונזער עבירה אז מען דארף אונז אזוי מרחק זיין? וואס ווילן מיר שוין? פארוואס זענען מיר געקומען קיין ברסלב? וואס וויל שוין דער רבי פון אונז?! נאר אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן, מיר זאלן טראכטן פונעם אייבערשטן און לערנען די הייליגע תורה.

דער רבי האט געזאגט (עיין חיי מוהר״ן, סימן תב): ״איך האב די כח אראפצונעמען פון מיר אלע מחלוקת און די גאנצע וועלט זאל קומען צו מיר און שרייען ׳יחי אדונינו מורינו ורבינו׳, נאר עס איז דא פלעצער וואו מען קען נישט אנקומען נאר דורך ׳בזיונות׳״.

איך וויל דיר מחזק זיין אז דו זאלסט אויך נעמען א חלק אין די גאולה. מאך דיר א חשבון, מיר האפן אלע אז משיח קומט היינט, ווען ער וועט דיר פרעגן: "האסטו היינט עפעס געטון אז איך זאל קענען קומען?" ווי גרויס וועט זיין די בושה; וואס וועלן מיר זאגן פאר משיח? אויב מען איז נישט עוסק אין מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן וועלן מיר נישט האבן וואס צו ענטפערן, אבער אז מען גייט פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר אידישע קינדער וועלן מיר זיך נישט דארפן שעמען; מיר וועלן זאגן: "משיח, איך בין היינט ארום געגאנגען מיט ספרים וואס זענען מחזק אויף אמונה פשוטה", "משיח, איך האב היינט מפיץ געווען קונטרסים פאר בחורים", "משיח, נאך א בחור האט אנגעטון תפילין בזכות מיין הפצה", "משיח, היינט האב איך געגעבן סידו"ס וואס האבן ניגונים פון אמונה, אז נאך א איד זאל וויסן אז עס איז נישט עק וועלט ווען עס גייט אים נישט אזוי ווי ער וויל".

ווער עס איז עוסק אין 'הפצה' וועט אייביג האבן געלט אין טאש. אפילו דו קענסט נישט גיין אסאך, געדענק: 'אביסל איז אויך גוט'; עס איז גוט צו האלטן מיט זיך שטענדיג א פעקל ספרים מיט סידו"ס כדי צו קענען מזכה זיין נאך א איד. שעם זיך נישט פון קיינעם, שעמען דארפן זיך די וואס גייען צו רבי"ס וואס זיי באקומען גארנישט דארט. מיר דארפן זיך נישט שעמען אז מיר האבן א רבי וואס האט רחמנות אויף יעדן איינעם און האט עצות ווי אזוי צוריק צו ברענגען יעדן איינעם צום אייבערשטן.

דער רבי האט געזאגט פאר ר' נפתלי (חיי מוהר"ן, סימן רטו): (ווען דער רבי האט אים געבעטן צו זינגען און ער האט זיך געשעמט) "**וואס האבן מיר זיך צו שעמען? בשבילנו נברא העולם**"; עס וועט קומען א טאג וואס דו וועסט זען וואס 'הפצה' איז.

איך לויף ארײַן צו די בחורים, א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת כי תשא, י"א אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו גייסט יעדן טאג אין שול דאווענען שחרית, מנחה און מעריב; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ז:): אויפן פסוק (תהלים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן?" ווען איז אן עת רצון? - "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", ווען דער ציבור דאווענט; אז דו וועסט דאווענען מיט מנין וועסטו האבן א דבר שבמנין (געלט). חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ביצה ג:): "דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן - אֲפִילּוּ בְּאֶלֶף לֹא בָּטֵל",
~~~~~~~~~~~

זאגט מוהרא"ש אז מען דאווענט מיט מנין, אפילו דער מענטש זאל האבן טויזענטער קליפות וואס ווילן אוועק נעמען און מבטל זיין זיינע תפילות, אבער "לֹא בָטֵל", ווייל זיינע תפילות איז 'במנין'.

ווען דו זאלסט וויסן ווי חשוב אויבן אין הימל איז ווען א איד קומט אין שול, וואלסטו געלאפן מיט א פרייליכקייט צו גיין אין שול; דו וואלסט געזוכט אלע תירוצים אבי צו קענען גיין אין שול דאווענען מיט מנין. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות טז.): "אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא: לָמָּה נִסְמְכוּ אֹהָלִים לַנְּחָלִים וכו'? לוֹמַר לָךְ: מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה, אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת". א שול איז אזוי ווי א טייך וואסער, פונקט אזוי ווי א טייך וואסער, ווען א טמא'נער מענטש גייט אריין זיך טובל'ען דארט קומט ער ארויס ריין, אזוי אויך ווען א איד גייט אין שול, נעמט דאס אים ארויס פון זיין שלעכטס און ער ווערט אן ערליכער איד.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט געדענקען וואס מוהרא"ש זכרונו לברכה האט אונז געלאזט צוואה (אות ח'): "די וועלט איז נישט אונזער, דער וועלט האט א בעל הבית - דער אייבערשטער פירט דער וועלט און מיר דארפן נאר קוקן אויף זיך אליין"; מיר דארפן לעבן מיט זכרון בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נד): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם. תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", דאס איז דער וועג ווי אזוי אן ערליכער איד דארף זיך פירן, גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי זאל מען טראכטן פון תכלית - עס קומט נאך א וועלט און קיינער בלייבט נישט דא, עס גייט קומען א טאג וואס אלע וועלן מיר איבערלאזן די וועלט, מען וועט נעמען דעם מענטש און אים אריין לייגן אין גרוב. דארט וועט גארנישט נוצן - נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס מיר האבן זיך אנגעגרייט וועלן מיר מיט נעמען אויף יענע וועלט; לאז אפּ א צווייטן, מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ - ווער האט דיר געפרעגט? ווער האט דיר געשטעלט אז דו זאלסט קער נעמען וכו' אז דו ווילסט העלפן א צווייטן, העלף יענעם מיט גשמיות. מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "אנשי שלומנו פלעגן זאגן: 'זיי פארנומען מיט דיין אייגענע רוחניות און יענעמ'ס גשמיות'".

עס גייט נישט אריבער א טאג וואס מען זאל נישט הערן שרעקליכע טראגעדיעס; יונגע מענטשן ווערן אוועק געריסן פון דער וועלט, קליינע קינדער בלייבן אן זייער מאמע רחמנא לצלן. פאריגע וואך איז נעבעך א יונגע פרוי אוועק פון דער וועלט אפאר שעה נאכן האבן א קינד און האט איבער געלאזט א שטוב מיט יתומים; ווי איז דא צייט צו זיין פארנומען מיט מחלוקת? ווי איז דא צייט צו רעדן פון א צווייטן ווען דער מלאך המות דריידט זיך ארום מיט זיין מעסער?! ברודער לאז דיר נישט איבער רעדן פון

קיינעם צו האבן א חלק אין מחלוקת; אנטלויף פון רעדן אדער ווי טון א צווייטן איד וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

איך ווייס נישט צי איך האב דיר שוין געשריבן ווי אזוי עס זענען אריבער מיינע לעצטע מינוטן וואס איך האב געהאט די זכיה צו זיין מיט מוהרא״ש זכרונו לברכה; מוצאי שבת פרשת יתרו בין איך געפארן קיין בארא פארק צום טשאפל וואו מוהרא״ש איז געלעגן א גאנץ שבת פאר מען האט געטראגן די מטה קיין ארץ ישראל. ר׳ שמחה לעווי נרו יאיר האט געדרייווט דעם אמבולאנס וואו מוהרא״ש איז געלעגן צום עירפארט און ער האט מיר אריין געשטופט אינעם אמבולאנס; אויפן וועג האב איך צוגעזאגט פאר מוהרא״ש צוויי זאכן: איינס, אז איך וועל נישט מאכן קיין מחלוקת צווישן תלמידי היכל הקודש און איך וועל נישט האבן קיין שום שייכות מיט מחלוקת. צווייטנס, אז איך וועל אים מפרסם זיין פאר די גאנצע וועלט; געלויבט דעם אייבערשטן אזביידע זאכן בין איך מקיים און מיטן אייבערשטנס הילף וועל איך ווייטער אנהאלטן די הבטחה.

איך בעט דיר אויך מיין טייערער תלמיד, העלף מיר מקיים זיין ביידע זאכן און אנטלויף פון פאליטיק. מיר זענען געקומען צום רבי׳ן פאר תורה תפילה.

איך לויף אריין צו מיינע טייערע תלמידים, זיי ווארטן אויף א שיעור התחזקות.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת כי תשא, י״ב אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן בזה העולם; דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת״, דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; א מענטש דארף שטענדיג קוקן אויף זיינע רווחים ברוחניות. פונקט אזוי ווי בגשמיות ווען א מענטש האט א ביזנעס דארף ער שטענדיג פרעגן דעם בוכהאלטער צי מען פארדינט אדער מען דערלייגט, אזוי און נאך מער דארף מען זיך כסדר בודק זיין: ׳וואס טו איך אויף דער וועלט?׳ ׳אפשר נאר איך זיך?׳ און זיך נישט לאזן נארן.
~~~~~~~~~~

זאלסט זיין שטארק צו גיין אין שול דריי מאל א טאג דאווענען שחרית מנחה און מעריב, דאס איז א זאך וואס וועט אויף אייביג בלייבן פונעם מענטש; אזוי אויך לערנען די הייליגע תורה דאס איז א זיכערע זאך וואס וועט אייביג בלייבן מיטן מענטש.

יענע וועלט איז אן עולם האמת, דארט קען מען זיך נישט נארן; ווען עס קומט צו לערנען און דאווענען און שלום בית דאס איז זיכער אמת און דאס הייסט זיך נישט גענארט, אבער ווען מען וויל דיר אריין דרייען אין מחלוקת, ביי דעם דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו האבן קיין מגע ומשא.

ווען מוהרא"ש זכרונו לברכה איז נסתלק געווארן דאנערשטאג נאכט פרשת יתרו האב איך גלייך געמאכט א טיקעט פאר מיר צו פארן קיין ארץ ישראל צו זיין ביי די קבורה, אויך האבן א גרויסע חלק בחורים געקויפט טיקעטס צו קענען זיין ביי די קבורה. פרייטאג אויפן וועג אהיים נאך די לויה וואס איז פארגעקומען אין בארא פארק וכו' האב איך געמאכט התבודדות און עס איז מיר אויסגעקומען אז איך זאל נישט פארן, ווייל איך וויל נישט האבן קיין שום חלק אין מחלוקת. איך האב מבטל געווען מיין טיקעט און איך האב געזאגט פאר אלע תלמידים זיי זאלן נישט גיין.

מענטשן האבן מיר פארגעהאלטן: "היתכן דו ביסט נישט געפארן?" אבער געלויבט דעם אייבערשטן אז איך דארף נישט פאר קיינעם ענטפערן און אפגעבן דין וחשבון וואס איך טו; די סיבה פארוואס איך בין נישט געפארן איז נאר ווייל איך האב מורא געהאט אז איך וועל ווערן אריין געדרייט אין מחלוקת און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, חלק ב', סימן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", ווער עס אנטלויפט פון א צרה איז א סימן אז ער איז א קלוגער מענטש; אז דו זעסט א פלאץ וואו מען קריגט זיך, איז די בעסטע זאך נישט אהין צו גיין, ווייל מחלוקת איז א זאך וואס יעדער ליידט פון דעם.

קיינער זאל דיר נישט פארדרייען דעם קאפ וכו'; מיר זענען געקומען צום רבי'ן פאר תורה תפילה וואס דאס איז דעם גאנצן רבינ'ס זאך. די וואך אין די פרשה ביי די לוחות שטייט (שמות לב, טז): "וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה", זאגט רש"י: "כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵירוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה", אזוי ווי מען זאגט: 'יענעמס זאך איז דאס און דאס', אזוי זאגט די הייליגע תורה אז דעם אייבערשטנ'ס זאך איז די הייליגע תורה; דאס איז דעם רבינ'ס זאך, אלעס אנדערש איז הבל הבלים.

בעט דעם אייבערשטן אז מיר זאלן אויך דאס יאר האבן א שיינע קעמפ וואו צו זיין זומער. עס איז אן ענין אחר לגמרי די אלע וואס זענען זוכה צו זיין אין קעמפ

צוזאמען מיט די ישיבה וכו׳ דורכאויס די זוממער וואכן; מען אטעמט אמונה, מען לעבט מיטן אייבערשטן - פון קליינע קינדער ביז אינגעלייט וכו׳.

דעם זומער וועט זיין בעזרת השם יתברך דעם צענטן זומער הבא עלינו לטובה זייט די ישיבה שטייט. יעדעס יאר וואנדערן מיר פון איין פלאץ צום צווייטן, איך האף אז די יאר וועלן מיר האבן א גוטע פלאץ וואו צו זיין.

געדענק וואס דער רבי האט אונז געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רט): **״אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון״**; עס איז נישט גענוג אז דער טאטע לעבט שטילערהייט מיט די חיזוק פון רבי׳ן, נאר מען דארף דאס אריינברענגען אין שטוב, אז דער גאנצע שטוב זאל אטעמען די ווערטער פון רבי׳ן. עס איז דא א  ווארט פון רבי׳ן: ״איך וויל איר זאלט מאכן אייערע ווייבער חסיד׳סטעס״; ווייל עס איז גאר אנדערש ווען די גאנצע שטוב איז פיל מיטן רבינ׳ס זאך און מען לעבט מיט אמונת חכמים.

ווייזן ווייזט זיך אויס אז די אלע וואס זענען צוזאמען זוממער מיט אנשי שלומינו איז די גאנצע שטוב געטוישט געווארן וכו׳; מען קען דאס נישט מסביר זיין פאר איינער וואס לעבט דאס נישט מיט. אפילו עס קאסט געלט צו דינגען א באנגעלאו, אבער במשך דעם יאר קומט אויס אז מען שפארט זיך זייער אסאך געלט. ווייל ביי אונז איז נישט קיין בושה צו נעמען בגדים פון א צווייטן, מען לעבט אן אנדערער סארט לעבן. קיינער קוקט נישט ארויף א צווייטן ווען יענער קויפט טייערע קליידער, פארקערט, עס א בזיון ביי אונז צו אנטון די קינדער טייער, ווער רעדט נאך פון שמחות; יעדעס יאר זוממער קומען פאר שמחות בר מצווה׳ס וכדומה, וואס די גאנצע בר מצוה קאסט נישט קיין געלט, נאכדעם שפארט מען זיך געלט ווען מען מאכט חתונה די קינדער.

בעט דעם אייבערשטן פאר מיר איך זאל האבן כח ווייטער אנצוגיין מיט די ישיבה, חדר און מיידל סקול, ווייל אסאך מאל שפיר איך אז די כוחות לאזן זיך מיר אויס.

די אינגעלייט בעטן שיעורים, מען מיינט אז דער ראש ישיבה איז א מאשין וואס געבט ארויס שיעורים; מען דארף האבן כח צו געבן שיעורים.

איך דארף מקצר זיין ווייל איך דארף אריין לויפן צו די בחורים געבן א שיעור.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ כי תשא, י״ג אדר, תענית אסתר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

היינט איז א פאסט טאג; מיר פאסטן כדי צו ווייזן אז ווען א איד האט א צרה רחמנא לצלן און מען בעט דעם אייבערשטן, העלפט דער אייבערשטער.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס תפילה איז; אלעס קען מען פועל'ן מיט תפילה. ווען א מענטש האט א שטארקע אמונה, ער גלייבט אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, עס איז נישט דא קיין טבע, מקרה און מזל, נאר אלעס אויף דער וועלט איז דער אייבערשטער; דער אייבערשטער איז אין יעדע זאך - אין דומם, צומח, חיה, מדבר - אלעס איז נאר א פארשטעלאכטס פונעם אייבערשטן, אזא מענטש ווען ער האט א צרה ווענדט ער זיך נאר צום אייבערשטן און ער איז ער זוכה ארויס צו קריכן פון אלע זיינע צרות.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט, ווען ער איז געווען א אינגערמאן האט ער זיך צוגעוואוינט נישט צו בעטן פון קיינעם קיין טובות - נאר פונעם אייבערשטן; ווען ער האט געדארפט עפעס בעטן פון איינעם האט ער קודם געזאגט שטילערהייט "הייליגער באשעפער" און נאכדעם ממשיך געווען הויך אויפן קול: "קענסט מיר העלפן וכו'?" יענער האט געטראכט אז ער בעט דאס פון אים, אבער באמת האט ער נאר גערעדט צום אייבערשטן. איינמאל איז מוהרא"ש געגאנגען אין געשעפט קויפן מילך, די מילך איז געווען אונטער דעם פלאץ וואו דער געשעפטס מאן איז געשטאנען און מוהרא"ש רופט זיך אן: "אייבערשטער, קענסט מיר געבן א פלעשל מילך?" דער געשעפטס מאן קוקט אויף מוהרא"ש מיט גרויסע אויגן און פרעגט אים: "וואס זאגסטו?..." האט זיך מוהרא"ש גלייך געכאפט אז ער האט פארגעסן צו זאגן דאסווארט 'אייבערשטער' שטילערהייט; עד כדי כך האט ער זיך צוגעוואוינט צו רעדן שטענדיג נאר צום אייבערשטן.

מען זעט אין די מגילה אז ווען אחשורוש האט געפרעגט אסתר: "ווער איז דער וואס וויל דיר אומברענגען?" האט אסתר געזאגט (אסתר ז, ו): "אִישׁ צַר וְאוֹיֵב הָמָן הָרָע הַזֶּה", זאגן חכמינו זכרונם לברכה (מגילה טז.) אז אסתר האט געוויזן אויף אחשורוש: 'דו ביסט דער רשע וואס וויל אומברענגען די אידן!' איז געקומען א מלאך און אוועק געדרייט איר האנט צו המן און אחשורוש האט פארשטאנען אז זי זאגט עס אויף המן; אלע מפרשים פרעגן, לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין וואס אסתר האט דא געטון, זי האלט דאך יעצט אינמיטן רעדן צו אחשורוש אליינס?! נאר אסתר האט זיך אזוי צוגעוואוינט צו רעדן צום אייבערשטן, אז אפילו ווען זי האט גערעדט מיט מענטשן - האט זי גערעדט צום אייבערשטן. עס איז געווען בשעת איר התבודדות ווען זי האט

געזאגט פארן אייבערשטן אז דער רשע אחשורוש וויל אונז הרג'נען און זי האט זיך פארגעסן אז זי רעדט צו אים, ביז דער מלאך האט געדארפט אוועק דרייען איר האנט.

ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן; ער פארציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס דרוקט אים און אלעס וואס שטערט אים, שפירט מען שוין אויף דער וועלט דאס געשמאק פון עולם הבא. דער מח ווערט ריין און לויטער און מען ווערט נישט פארלוירן ווען עפעס שלעכטס פאסירט חס ושלום, ווייל ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מער איינגעקריצט אינעם מענטש די לויטערע אמונה; מען גלייבט אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט מיט א פונקטליכער חשבון.

זע אז דיין ווייב זאל אויך הערן די מגילה; פרויען זענען אויך מחויב מיט קריאת המגילה ווייל זיי זענען אויך געווען אין די ביטערע גזירה פון המן (מגילה ד.) און זענען געראטעוועט געווארן; אויב דו האסט גאר קליינע קינדער זאלסטו זיך איינטיילן מיט דיין ווייב אז זי זאל אויך קענען גיין אין שול הערן די מגילה, אדער זאלסטו ליינען די מגילה פאר דיין ווייב אין שטוב (פארשטייט זיך אז מען דארף קענען גוט די עברי, אז נישט איז מען נישט יוצא). מען קען נישט ברענגען אין שול קליינע קינדער וואס שטערן די גאנצע שול פון יוצא זיין די מגילה.

פורים נאכמיטאג וועט אם ירצה ה' זיין א סעודה אין ישיבה פאר אלע תלמידים. נאכדעם וועט מען טאנצן צוזאמען, מיר וועלן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער טוט מיט אונז. אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי'ן וואס ראטעוועט אונז פון המן - פונעם ס"מ וואס וויל אונז נאר אויסרייסן פון דער וועלט און יענע וועלט, מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז אויס אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן און אים בעטן יעדע זאך וואס מיר דארפן.

זע צו קומען צו די סעודה מיט דיין משפחה, זיך פרייען צוזאמען אויף דער גרויסער חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז אז מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן און מיר רייסן נישט די ספרים פון הייליגן רבי'ן, כל שכן אז מיר האבן א חלק אין הפצה, פארשפרייטן די הייליגע ספרים פון רבי'ן.

פורים איז א צייט פון "מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה" (אסתר ט, כח); איך בעט דיר זייער זאלסט זיך נישט קריגן מיט דיין ווייב וואו צו גיין פורים וכו' וכו', נאר זיי מותר און געב נאך וכו'. דער ס"מ וויל נאר אז מען זאל זיך קריגן; זיין זאך איז ווען ער קען מאכן א קריגערייי צווישן מאן און ווייב, בפרט ווען עס קומען הייליגע טעג זוכט ער נאר ווי ער קען מאכן

א מחלוקה׳לע, זאלסט זיך זען צו היטן דערפון ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה - שָׁם הַשָּׂטָן".

זאלסט זען אויסצוניצן דעם טאג פאר שלום; זיך איבער בעטן איינער מיטן צווייטן און זע צו בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיין שלום צווישן אידישע קינדער. דער אייבערשטער האט נישט ליב ווען אידן קריגן זיך, מחלוקת איז א זאך וואס אלע דערלייגן דערפון. יעדער וואס האט שייכות מיט מחלוקת צאלט א טייערע פרייז, איבערדעם דארף מען שטענדיג האלטן קאפ זיך נישט צו קריגן מיט קיינעם, און זען אז מען זאל נישט ווערן אריינגעדרייט אין א קריגעריי.

פורים איז א טאג פון תפילה; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי מגילה א, ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד - נוֹתְנִים לוֹ", אין דעם הייליגן טאג פורים - וואס א איד בעט פונעם אייבערשטן געבט מען אים; דאס האט מרדכי הצדיק אונז אויסגעלערנט, אז ווען א מענטש האט א צרה זאל ער גיין צום אייבערשטן און מתפלל זיין אויף זיין צרה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה יב:): "תָּנָא כֻּלָּן עַל שְׁמוֹ נִקְרְאוּ", מרדכי הצדיק ווערט אנגערופן מיט אסאך נעמען: "בֶּן יָאִיר", מרדכי הייסט בן יאיר ווייל ער האט ליכטיג געמאכט פאר אידישע קינדער מיט זיינע תפילות; "בֶּן שִׁמְעִי", מרדכי הייסט מיטן נאמען בן שמעי ווייל ער האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט צוגעהערט זיינע תפילות; "בֶּן קִישׁ" מען רופט אים בן קיש, ווייל קיש איז א לשון פון קלאפן "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", ער האט געקלאפט אויף די טירן אויבן אין הימל מען זאל אים עפענען, מען זאל רחמנות האבן אויף די אידן, און מען האט אים געעפענט.

אסאך מאל שפירט א מענטש ווי אלעס איז שוין פארמאכט, אלע טויערן אין הימל זענען פארמאכט פאר אים און די גזירה איז שוין גע׳חתמ׳עט; מיט דעם אלעם טאר מען נישט אויפגעבן, מען דארף געדענקען וואס מרדכי הצדיק האט געטון ווען די גזירה פון המן הרשע איז נגזר געווארן, "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", ער האט געקלאפט אויף די טירן פון הימל ביז מען האט אים געעפענט.

מוצאי שבת איז דא אין ישיבה א שושן פורים סעודה, זע צו קומען מיט דיין ווייב און קינדער זיך מחזק זיין מיטן הייליגן רבינ׳ס עצות.

א גרינגע תענית און א פרייליכע לעכטיגע פורים און א שמחת תמיד.

...

איך שרייב דיר א בריוו פאר דיין ווייב, געב איר דאס איבער נאך פאר פורים.

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ כי תשא, י״ג אדר, תענית אסתר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

מיר שטייען שוין פאר דעם גרויסן טאג פורים; די גאנצע נס פון פורים איז בזכות אסתר המלכה, פון דעם קען מען זען צו וואס א פרוי קען צוקומען, אז איין פרוי קען ראטעווען גאנץ כלל ישראל. דערפאר זענען פרויען אויך מחויב צו הערן די מגילה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה ד.): ״אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: נָשִׁים חַיָּיבוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה, שֶׁאַף הֵן הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס״, פרויען זענען מחויב צו הערן די מגילה צוליב דעם וואס די נס איז אויך געווען מיט זיי, ווייל המן הרשע האט געוואלט אויס׳הרג׳נען אלע אידן - מענער פרויען און קינדער, און מרדכי הצדיק האט צוזאמגענומען אלע אידן, מען האט געבעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז עס איז געווארן: ״וְנַהֲפֹךְ הוּא״, מען האט אויפגעהאנגען המן הרשע מיט זיינע קינדער און אלע אידן זענען געראטעוועט געווארן.

די מעשה פון די מגילה אליינס איז אונז מורא׳דיג מחזק אז מיר זאלן בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס מיר דארפן, אפילו עס זעט אויס ווי מען קען שוין גארנישט טון. אזוי ווי עס איז געווען ביי די גזירה וואס המן און אחשורוש האבן געמאכט, עס איז געווען א גזירה וואס בדרך הטבע וואלט מען גארנישט געקענט טון אבער בזכות די תפילות פון אידישע קינדער האט זיך עס איבערגעדרייט.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס יעדעס ווארט וואס מען רעדט צום אייבערשטן טוט אויף אויבן אין הימל, עס מאכט אזא רעש און א טומל. בפרט ווען א פרוי קומט צום אייבערשטן און גיסט זיך אויס איר הארץ, זי בעט פאר אירע קינדער אז זיי זאלן זיין ערליכע אידן און אז זיי זאלן אויך אויפשטעלן נאר ערליכע דורות - דאס מאכט אויבן אין הימל זייער א גרויסע טומל און דער אייבערשטער אליינס הערט זיך צו צו איר געבעט.

פורים איז זייער א הייליגער טאג, פורים איז א צייט וואס מען קען פועל׳ן גרויסע ישועות. איז יעצט ווען מיר שטייען אין אזא הייליגע טאג דארפן מיר זיך פארנעמען אז מיר גייען מוסיף זיין קדושה, מוסיף זיין בצניעות; איך פרעג אייך: ״ווילט איר גוטע קינדער?״ ״ווילט איר ערליכע דורות?״ קוקט וואס דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; ווער פון אונז דארף נישט קיין ישועה? יעדנס הארץ איז אנגעפילט מיט ווייטאג, אידישע קינדער זענען אזוי צעבראכן און דערשלאגן. מענטשן דארפן פרנסה, מענטשן מוטשען זיך מיט געזונט, מיט שידוכים,

יעדנס קאפ טוט וויי; אויב איר וועט זיך פארנעמען צו גיין בצניעות וועט איר זען וואונדערליכע זאכן וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט אייך, מיט אייער מאן און קינדער.

נאכדעם וואס מוהרא"ש איז נסתלק געווארן בין איך געגאנגען מנחם אבל זיין די רעביצין עליה השלום; זי איז שוין געווען זייער שוואך פון איר ביטערע מחלה ה' ירחם, האט זי מיר געזאגט מיט איר גאנצע כח די ווערטער: "איך בעט דיר, האלט אן די קהילה; מיין מאן וועט דיר נישט מוחל זיין אויב דו וועסט אפלאזן די קהילה וכו'"; איך בין דארט געשטאנען מיט מיין ווייב תחי', זי האט געוויינט און מיר געבעטן איך זאל ווייטער אנהאלטן די קהילה וואס מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט.

דעריבער שרייב איך אייך אז איר זאלט זיך בארעכענען ווי אזוי איר גייט אנגעטון וכו', ווייל עס גייט מיר אין לעבן אז די תלמידי הישיבה זאלן אויפשטעלן ערליכע שטובער. ווען איך וועל ארויפקומען אויבן אין הימל וויל איך קענען ווייזן פאר מוהרא"ש ווי שיין די תלמידים האבן זיך געפירט.

אין דעם זכות וואס איר וועט אכטונג געבן אויף צניעות וועט איר זוכה זיין צו ערליכע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה. עס וועט מקוים ווערן ביי אייך וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה י:): "כָּל כַּלָּה שֶׁהִיא צְנוּעָה בְּבֵית חָמִיהָ זוֹכָה וְיוֹצְאִין מִמֶּנָּה מְלָכִים וּנְבִיאִים וְכוּ'", אמן.

א שמחת תמיד.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ה' כי תשא, י"ד אדר, חג הפורים, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז נישט קיין צייט היינט פאר לאנגע בריוון, היינט איז זייער א גרויסער טאג; עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון כא, דף נז:) אז 'יום כיפורים' איז אזוי ווי 'יום הפורים'; ווען מען וויל זאגן דער איז אזוי ווי דער - "הקטן נתלה בגדול" - נעמט מען דעם קלענערן און מען זאגט ער איז ווי דער גרעסערער, קומט אויס אז יום כיפור איז אזוי ווי פורים. דארף מען דאס פארשטיין, ווייל יום כיפור איז דאך דער גרעסטער טאג פון יאר אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה ג, ח): אויפן פסוק (בראשית א, ה): וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר 'יוֹם אֶחָד' - "זֶה יוֹם הַכִּפּוּרִים" וואס אין דעם טאג איז דער אייבערשטער מוחל פאר די אידן אויף אלע עבירות, אבער פון זוהר איז משמע אז פורים איז גרעסער, נאר
~~~~~~~~~~~

מוהרא״ש זאגט אז אפילו טאקע יום כיפור איז זייער גרויס, אבער חכמינו זכרונם לברכה זאגן דאך (יומא פה:): ״עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ״, אויב האט איינער וויי געטון א צווייטן איז יום כיפור נישט מכפר ביז מען בעט יענעם איבער; דאס איז דאס גרויסקייט פון פורים אז מען איז עוסק א גאנצן טאג מיט מצוות שבין אדם לחבירו וואס דורכדעם בעט מען זיך איבער איינער מיטן צווייטן, מיט דעם איז פורים גרעסער פון יום כיפור.

דער אייבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין פרייליך א גאנץ יאר און מיר זאלן זיך נישט קריגן מיט קיינעם, מיר זאלן נאר עוסק זיין אין הפצה און צוריק ברענגען אלע אידן צום אייבערשטן, עס זאל שוין מקוים ווערן לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי.

א פרייליכן לעכטיגן פורים און א שמחת תמיד.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת כי תשא, ט״ו אדר, שושן פורים, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי׳ן; ״אִלּוּ - מיר זאלן נישט באקומען ביים רבי׳ן נאר דעם ריכטיגן צוגאנג ווי אזוי צו נעמען די הייליגע טעג - דַּיֵּנוּ״. עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה טוֹבָה כְּפוּלָה וּמְכֻפֶּלֶת לַמָּקוֹם עָלֵינוּ אז מיר האבן דעם רבינ׳ס עצות אויף טריט אין שריט, דארפן מיר דאך זיכער דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע ניסים ונפלאות וואס ער טוט מיט אונז, אז מיר נידעריגע מענטשן וואס מיר זענען פארשמירט מיט עבירות האבן אויך די זכיה צו וויסן פון רבי׳ן.

אמאל בשעת׳ן זאגן תיקון חצות האט זיך דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה אפגעשטעלט ביי דעם שטיקל ״אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם וכו׳״ און ער האט געזאגט: ״רבונו של עולם! אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם, דו ווייסט דאך אז די גאנצע זאך פון רבי׳ן איז א סוד פאר די גאנצע וועלט, און מיר האסטו אויסדערוועלט איך זאל וויסן פון אזא גרויסע רבי וואס האט אזעלכע וואונדערליכע עצות, העלף אייבערשטער אז אלע אידן זאלן וויסן פון הייליגן רבי׳ן״, אזוי פלעגט רבי נתן כסדר וויינען צום אייבערשטן ביים זאגן תיקון חצות. ווייל מען דארף גרויס רחמים אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן און מען זאל זוכה זיין צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי׳ן וואס ברענגט אונז צום אייבערשטן.
~~~~~~~~~~

דערפאר, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם סוד פון רבי'ן דארפן מיר כסדר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם.

איך בעט דיר טייערע ברודער, שטארק דיר און דערהאלט זיך מיט אלע דיינע כוחות; אפילו עס זעט דיר אויס אז גארנישט רוקט זיך אין גוטן ריכטונג וכו', דאך זאלסטו ווייטער בעטן דעם אייבערשטן, וועסטו זוכה זיין צו זייער שיינע זאכן.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקהל פקודי, י"ז אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז אויס אז מיר זאלן קיינמאל נישט אויפגעבן; דער רבי לערנט מיט אונז אז מיר זאלן זיך כסדר באנייען מיט א פרישע התחלה און זיך נישט לאזן צעברעכן פון דעם יצר הרע.

איינמאל איז די צדיקת אדל - דעם רבינ'ס טאכטער געגאנגען נאך געלט מיט נאך אפאר פרויען, אינמיטן וועג האט זיך אראפגעלאזט א גאס רעגן, עס איז געווארן א גרויסע בלאטע און אלע פרויען זענען געווארן פארשמירט פון די בלאטע, נאר אדל איז געבליבן זויבער, אפילו איר שיך איז געבליבן ריין; די פרויען וואס זענען מיטגעגאנגען מיט איר האבן זיך זייער געוואונדערט ווי אזוי קען זיין אז זי האט זוכה געווען צו אזא רואיגקייט אז זי זאל קענען גיין אין בלאטע און דאך בלייבן זויבער. האט אדל זיי געזאגט: "מיין גרויסע טאטע - דער הייליגער רבי - האט מיר אויסגעלערנט א וועג אז אפילו ווען מען גייט אין בלאטע זאל מען קענען בלייבן ריין און זויבער".

דאס הייסט, אפילו א מענטש פאלט נעבעך אראפ אין בלאטע, לערנט אונז דער רבי אז מיר זאלן זיך נישט פארשמירן מיט עצבות און מרה שחורה, נאר מיר זאלן בלייבן ריין, מיר זאלן ווייטער גלייבן אינעם אייבערשטן אז ער וועט אונז העלפן.

איך וויל דיר זייער בעטן אז דו זאלסט גיין אביסל הפצה יעדן טאג; מיר קענען זיך גארנישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון הפצה. חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (ירושלמי כתובות, דף סו): אז ריש לקיש האט געפאסט דריי הונדערט תעניתים אז ער זאל זוכה זיין צו זען רבי חייא און ער האט נישט זוכה געווען אים צו זען, האט ריש לקיש געהאט חלישות הדעת און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן: "פארוואס בין איך נישט זוכה צו זען רבי חייא, איך האב אויך געלערנט פלייסיג די הייליגע תורה, האט דען רבי חייא
~~~~~~~~~~

געלערנט מער פון מיר?!״ האט מען אים געענטפערט: ״דו האסט געלערנט מער פון רבי חייא, אבער ער האט אריין געברענגט תורה אין אידישע קינדער מער ווי דיר, און נישט נאר דאס, נאר רבי חייא איז געגאנגען גלות ליידן כדי צו לערנען, ער איז ארויף קיין ארץ ישראל״. האט ריש לקיש פארשטאנען אז דאס גרויסקייט פון ר׳ חייא איז געווען ווייל ער איז געגאנגען אין גלות צו לערנען תורה, האט ריש לקיש געזאגט: ״רבונו של עולם, איך בין אויך געגאנגען אין גלות כדי צו לערנען תורה״, האט מען אים געענטפערט: ״דו ביסט געגאנגען אין גלות צו לערנען תורה פאר דיר, אבער רבי חייא איז געגאנגען אין גלות פאר א צווייטן, ער איז ארום געגאנגען אויסלערנען תורה פאר אידישע קינדער״.

זעט מען וואס הייסט הפצה, וואסערע גרויסע זאך עס איז ווען א מענטש גייט אין גלות, ער גייט ארום מיט א זעקל ספרים פון הייליגן רבי׳ן און פארטיילט דאס כדי מחי׳ צו זיין אידישע קינדער און זיי צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ט אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געדענק גוט אז צו זיין א ברסלב׳ער חסיד דארף מען טון וואס דער רבי האט געהייסן. מוהרא״ש זכרונו לברכה האט אלע יארן געשריבן און געזאגט: ״ווער האט א שייכות מיטן רבי׳ן? נאר דער וואס לערנט דעם הייליגן רבינ׳ס ספרים, אלעס אנדערש איז הבל הבלים״. דער רבי האט אונז איבערגעלאזט פינף הייליגע ספרים; ליקוטי מוהר״ן, שיחות הר״ן, חיי מוהר״ן, ספר המידות און סיפורי מעשיות. אז מיר וועלן דאס לערנען און פאלגן וואס שטייט דארט, וועלן מיר זיין ערליכע אידן.

ליידער ליידן מיר זייער שטארק פון דעם אנשיקעניש וואס רופט זיך ״נ׳ נח״; מענטשן מיינען אז דאס איז ברסלב און דאס מאכט אז מענטשן זאלן נישט לאזן זייערע קינדער קומען צום רבי׳ן. ווען עלטערן דערוויסן זיך אז זייער קינד פארט קיין אומאן וכו׳ רודפ׳ט מען דאס קינד אדער קינדער עד לחרמה, מען טיילט אפ משפחות איינער פון צווייטן, עלטערן קומען נישט צו קיין שמחות פון זייערע קינדער וכו׳ וכו׳. דאס אלעס קומט אלץ רעזולטאט פון דעם וואס מען מיינט אז ברסלב איז א צעווילדעוועטע זאך וכו׳.
~~~~~~~~~~

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן קפב): ״מען קריגט נישט אויף מיר, מען האט זיך נאר אויסגעשניצט א מענטש און אויף אים קריגט מען; איך קריג אויך אויף דעם מענטש, אויף אזא מענטש וואס טוט אזעלכע זאכן וואס טויגן נישט קריג איך אויך״; מענטשן ווייסן נישט וואס ברסלב איז. מען מיינט אז דאס איז א פלאץ פון משוגעים, א פלאץ פון עזות פנים׳ער. דאס מאכט אז יעדער קלוגער טאטע און מאמע זאלן נישט מסכים זיין אז זייער קינד זאל זיך דרייען אויף א פלאץ פון משוגעים אדער אויף א פלאץ פון עזות פנים׳ער, וואס באמת האט דאס נישט צוטון מיט ברסלב ווייל איבעראל זענען דא עזות פנים׳ער.

פורים קען מען זען ווי חסיד׳ישע בחורים גייען אנגעטון מיט ווייסע קאפלעך וואס טראגט דעם אויפשריפט: ״נ׳ נח׳ וכו׳״; דאס איז א מורא׳דיגע בזיון פארן רבי׳ן און דאס פארשעמט דעם רבי׳ן. עס איז זייער א גרויסער עבירה צו טראגן אזא מלבוש ווייל דורכדעם איז מען מבזה דעם הייליגן רבי׳ן וכו׳ און חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קיט:): ״כָּל הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ״, איינער וואס איז מבזה א תלמיד חכם העלפט נישט פאר אים קיין תשובה.

איך האב זייער הנאה געהאט צו הערן פון די בחורים פון ישיבה אז ווען זיי האבן געזען איינעם מיט אזא קאפל זענען זיי שיין צוגעגאנגען צו יענעם און געבעטן מיט שיינעם אז ער זאל עס אויסטון ווייל דאס פארשעמט דעם הייליגן רבי׳ן.

די גאנצע אנשיקעניש פון ״נ׳ נח׳״ קומט פונעם ס״מ; אזוי ווי דער הייליגער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה ז׳ - מזבוב ועכביש) אז פאר זיין נשמה איז אראפ געקומען אויף דער וועלט האט דער ס״מ געשריגן: ״רבונו של עולם, אויב די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט פארוואס האסטו מיך באשאפן?״ האט מען אים געענטפערט: ״די נשמה מוז אראפקומען אויף דער וועלט, דו גיי און זוך דיר אן עצה״, איז ער אוועק געגאנגען און ער איז צוריק געקומען מיט אן אלטיטשקער, זיי האבן געלאכט און געזאגט אז זיי האבן שוין אן עצה; דאס איז די עצה פונעם ס״מ - ער לאכט אפ פון רבי׳ן, דאס איז דער אלטיטשקער וואס איז מיטגעקומען מיטן ס״מ און געלאכט, זאגנדיג אז זיי האבן שוין אן עצה. זיי וועלן חוזק מאכן פון רבי׳ן, מען וועט מאכן א משוגעת פון ״נ׳ נח׳״, מען וועט לאכן וכו׳; אזוי וועלן אלע מורא האבן פון ברסלב.

ווען מענטשן וואלטן געוואוסט וואס ברסלב איז, ווען מענטשן וואלטן ווען געוואוסט וואס דער רבי לערנט זיינע מענטשן - וואלטן אלע געטריבן די קינדער צום רבי׳ן; יעדע טאטע מאמע וואלטן זיך געוואונטשן אז זייערע קינדער זאלן אנקומען צום הייליגן רבי׳ן. דער רבי איז אן אוצר פון יראת שמים, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי

מוהר"ן, סימן תצה): "אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם", איך בין אן אוצר פון יראת שמים; דער רבי לערנט אויס דרך ארץ ומדות טובות; דער רבי לערנט אויס שלום בית - מען זאל מכבד זיין די ווייב; דער רבי איז מחזק א מענטש צו לערנען און דאווענען יעדן טאג; דאס איז ברסלב - גארנישט עפעס אנדערש.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט אונז שטענדיג זאגן: "ווען א מענטש וויל זען צי ער איז מקושר צום רבי'ן, זאל ער זיך מאכן א חשבון וויפיל ער רעדט צום אייבערשטן, וויפיל ער איז עוסק אין התבודדות"; אויב רעדט מען נישט צום אייבערשטן איז א סימן אז מען נארט זיך. ווייל ווען א מענטש איז מקורב צום צדיק, ער הערט אויס זיינע ווערטער און זיינע עצות, עפענט זיך אויף זיין מויל צו רעדן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ס): "פארוואס רעדט נישט א מענטש צום אייבערשטן? ווייל מען איז טויב, מען הערט נישט דעם קול פונעם צדיק". דער רבי טייטשט מיט דעם די משנה (תרומות א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", זאגט דער רבי, פארוואס רעדט נישט א מענטש צום אייבערשטן, פארוואס איז ער אן "אֵינוֹ מְדַבֵּר?" דערפאר וואס ער איז אן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - ער הערט נישט דעם קול פונעם צדיק, דערפאר רעדט ער נישט צום אייבערשטן.

דאס איז די גאנצע זאך פון ברסלב, איין ווארט: "התבודדות!" רעדט צום אייבערשטן אויף דיין שפראך; עס איז נישט דא א ספיציעלער לבוש אין ברסלב מיט וואס זיך צו אידענטיפיצירן וואס אלע דארפן דאס טראגן; עס איז נישט דא א ספעציעלע סארט עסן אין ברסלב וואס אלע דארפן דאס עסן; עס איז נישט דא א נוסח אין ברסלב וואס אלע דארפן דאווענען אויף דעם נוסח; דער רבי האט בפירוש געזאגט: "איך מיש זיך נישט אין נוסח", (חוץ איין זאך אין נוסח האט דער רבי יא געזאגט: "פונקט אזוי ווי מען הייבט אן פסוקי דזמרה [ביי ברוך שאמר] מיט די ווערטער 'חי העולמים', דארף מען אויך מסיים זיין פסוקי דזמרה מיט די ווערטער [מלך יחיד] 'חי העולמים').

ביי אנדערע מקומות דארפן אלע גיין אזוי און אזוי אנגעטון און דאס און דאס עסט מען וכו'; דער רבי וויל נאר איין זאך: "רעד צום אייבערשטן און פארצייל פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט איבער אויף דיר".

דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן פד): "דַּע, שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה", דורך תפילה ווערט א מענטש צוגעקלעבט צום אייבערשטן. תפילה איז א לשון פון באהעפטן, אזוי ווי רש"י זאגט אויפן פסוק (בראשית ל, ח): "נַפְתּוּלֵי אֱלֹהִים נִפְתַּלְתִּי עִם אֲחֹתִי גַּם יָכֹלְתִּי"; ווייל עס איז נישט דא א זאך וואס זאל מחבר זיין איינעם צום צווייטן אזוי ווי רעדן. מען זעט אז ווען איינער איז ברוגז

אויף א צווייטן, וואס איז די ערשטע זאך וואס זיי הערן אויף? זיי הערן אויף צו 'רעדן' איינער מיטן צווייטן, ווייל דאס איז מחבר איינעם צום צווייטן. אזוי אויך ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן איז ער כביכול איינס מיטן אייבערשטן, אבער אז מען רעדט נישט צום אייבערשטן נארט מען זיך גוט אפ.

ברודער, מיר זענען געקומען צום רבי'ן - יעדער איינער מיט זיינע מניעות וואס מען איז אריבער; יעצט אז מען איז שוין דא ביים טיר פון רבי'ן, דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן. איך בעט דיר פאלג מיר; נעם דיר אפאר מינוט און שמועס זיך אויס צום הייליגן באשעפער, שטופ עס נישט אפ אויף שפעטער, גיי יעצט אין א זייט, פארמאך דיינע אויגן און זאג: **"רבונו של עולם העלף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל לעבן מיט אמונה, איך וויל זיין זיכער מיט דיר, איך וויל נישט האבן קיין ספיקות און בלבולים"**; אזוי זאלסטו מאריך זיין בדיבור, וועסטו זוכה זיין צו אלעס גוטס.

איך לויף אריין צו די בחורים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקהל פקודי, י"ט אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... מנהל כללי מוסדות היכל הקודש**

איך בעט דיר זייער דו זאלסט שטיין על המשמר אז די קאמפיוטערס אינעם מוסד זאל זיין געפילטערט; יעצט זאגט מיר איינער אז די קאמפיוטערס אין סקול זענען נישט געפילטערט זייט מען האט דאס אויסגערייניגט וכו'.

עס טוט מיר זייער וויי אז ביי מיר אין מוסד זאל זיך געפונען א קאמפיוטער וואס מען קען אנקומען אויף דעם צו נישט גוטע זאכן; עס איז א לאו אין די תורה (ויקרא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל", פאר א בלינדער זאלסטו נישט לייגן קיין זאך וואס ער וועט זיך דורך דעם שטרויכלען; ווי איז דא א גרעסערער מכשול ווי צו געבן פאר א יונגע ווייבל, א סעקרעטערי, א קאמפיוטער צו ארבעטן, וואס דאס קען איר צונעמען איר לעבן, איר מאנ'ס לעבן וכו' וכו'?!

וויסן זאלסטו אז א בעל הבית וואס געבט נישט אכטונג אויף זיין אפיס אז זיינע ארבעטער זאלן זיין אפגעהיטן פון שלעכטס איז הַקּוֹלָר תָּלוּי בְּצַוָּארוֹ און אלע שלעכטע זאכן וואס וועט ארויס קומען פון דעם איז אויף זיינע פלייצעס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין מה.): "לָאו עַכְבְּרָא גַּנָב אֶלָּא חוֹרָא גַּנָב", נישט דער מייז איז דער גנב,
~~~~~~~~~~

נאר אויב עס איז דא לעכער וואו די מייז קענען אריין קומען, זענען די לעכער די גנבים ווייל דורך זיי קומען אריין די מייז; דאס זעלבע זאג איך דיר: "שולדיג זענען נישט די אינגעלייט און ווייבלעך וואס קומען בתמימות ארבעטן אין אפיסעס וכו', שולדיג זענען די בעלי בתים וואס זענען לייכטזיניג וכו', און ווען זיי הערן די שעדליכקייט פון אפיסעס לאכן זיי זיך אויס וכו', זיי זענען די וואס זענען גורם אלע פראבלעמען".

איך בעט דיר נאך איין מאל, לייג ארויף א פילטער אויף די קאמפיוטערס אין די אפיס פון סקול; אויב מען וועט נישט אכטונג געבן אויף דעם מאך איך צו די גאנצע סקול. איך דארף נישט גארנישט וכו'; מען קען נישט אויפשטעלן ערליכע דורות נאר אז מען גייט בדרך התורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקהל פקודי, י"ט אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר**

איך האב נישט געהאט קיין מנוחה נעכטן א גאנצע נאכט פון דעם וואס דו האסט מיר דערציילט אז דו ביסט געווען פורים ביי א פארטי וואו היימישע אינגעלייט האבן צוזאמען געררייכערט דראגס וכו', מען האט געדינגען א גוי זאל אכטונג געבן אז קיינער זאל נישט כאפן קיין בילדער, מען זאל נישט זען וואס דארט טוט זיך; אלעס האט אנגעפירט א גוי, אן איש טמא ומטמא וואס נארישע אינגעלייט לויפן אים נאך וכו'.

דערפאר בעט איך דיר (משלי א, טו): "בְּנִי אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם, מְנַע רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם"; אנטלויף פון די חברים, זיי וועלן דיר אראפ שלעפן אין שאול תחתית. קום אין ישיבה און דריי זיך מיט ערליכע אידן, וועט עס אויף דיר אויך משפיע זיין לטוב.

געדענק וואס דער רבי האט געזאגט פאר זיין תלמיד ר' ליפא, עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון ג' מהתיקונים האחרונים): "חֲיֵּיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן און שפעטער הרג'עט דאס דעם מענטש; קוק אויף עלטערע מענטשן, וואס האבן זיי פון זייערע יונגע יארן? גארנישט, נאר דאס ביסל תורה תפילה ומעשים טובים.

איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר אין ישיבה; איך בעט פאר דיר אז דו זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן און דו זיי אויך מתפלל - בעיקר פאר איין זאך - "זאלסט אייביג האבן א געפיל צום הייליגן רבי'ן".
~~~~~~~~~~~

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכט): "הָאֵשׁ שֶׁלִּי תּוּקַד עַד בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, מיין פייער'ל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען"; בעט דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער, העלף מיר אז דעם רבינ'ס פייער זאל אייביג טליען אין מיין הארץ און עס זאל טליען און ברענען אין מיינע קינדער'ס הערצער"**, ווייל ווילאנג א מענטש איז מחובר צום צדיק האט ער אלעס, אבער אז מען לאזט אפ דעם צדיק האט מען גארנישט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקהל פקודי, י"ט אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

(חסר)

שטארקט אייך און זייט פרייליך; איר זאלט זען ארום צו גיין שטענדיג מיט א שמייכל, ווייל דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן מג): "עס זענען דא מענטשן וואס דרייען זיך ארום זייער צעבראכן פון די יסורים וואס זיי גייען אריבער און זיי קענען קיינעם נישט דערציילן וואס זיי ליידן. זיי וואלטן ווען געוואלט דערציילן פאר איינעם וואס זיי גייען אריבער, אבער זיי האבן נישט מיט וועמען צו שמועסן, און ווען זיי זעהן א מענטש מיט א שמייכל, ווערן זיי אויפגעלעבט דורכדעם".

דער רבי ברענגט דארט אראפ די מעשה וואס די גמרא דערציילט (תענית כב.): רב ברוקא איז געגאנגען אויפן גאס און ער האט געטראפן אליהו הנביא, האט ער געבעטן פון אליהו הנביא ער זאל אים ווייזן ווער דא עס האט עולם הבא, האט אים אליהו הנביא געוויזן אויף צוויי מענטשן "זיי זענען מענטשן וואס וועלן זוכה זיין צו עולם הבא", איז רב ברוקא געלאפן צו זיי און געפרעגט: "זאגט מיר, וואס טוט איר?" האבן זיי געזאגט: "מיר זענען בדחנים; ווען מיר זעהן אז מענטשן קריגן זיך, גייען מיר צו צו זיי און מיר מאכן זיי פרייליך מיט אונזערע ווערטלעך ביז זיי ווערן פרייליך און מאכן שלום", דערפאר האבן זיי זוכה געווען צו זיין בני עולם הבא. זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון פרייליך מאכן א צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך

יום ג׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ט אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער, זע ארויס צו געבן אלע שיעורים וואס איך געב אין ישיבה אויף ענגליש; עס זענען דא מענטשן וואס פארשטייען נישט קיין אידיש און זיי ווארטן צו הערן ווערטער פון הייליגן רבי׳ן אויף א שפראך וואס זיי פארשטייען. איך געב אינדערפרי א שיעור אויף ענגליש גלייך נאכן דאווענען פאר תלמידים וואס פארשטייען נישט קיין אידיש; נעם די שיעורים פון ר׳ ... און גיי דאס איבער, נעם ארויס די זאכן וואס איך ווייס נישט ווי אזוי מען זאגט דאס וכו׳, כדי אז די וואס רעדן נאר ענגליש זאלן דאס פארשטיין.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס הייסט מחי׳ זיין א איד; דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן מג): ״וּלְהַחֲיוֹת אָדָם אֵינוֹ דָּבָר רֵק, כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, מחי׳ זיין א מענטש איז נישט קיין קלייניקייט, עס איז זייער א גרויסע זאך; איך האב געטראפן א איד פאריגע וואך, ער זאגט מיר אין ענגליש אז ער ליידט לא עלינו אויף צוקער און מען האט אים געדארפט אראפנעמען א פוס רחמנא לצלן, ער זיצט כלוא בבית. זאגט ער מיר אז די איינציגסטע זאך וואס ער האט וואס האלט איםביים חיות איז די ענגלישע שיעורים פון די ישיבה, דאס איז אים מחי׳ ומחזק. ער האט מיר געבעטן מיט טרערן אין די אויגן אז איך זאל געבן נאך שיעורים אויף ענגליש. דעריבער וויל איך דיר מחזק זיין דו זאלסט זיך צופלייסן און ארויף לייגן יעדן טאג נאך שיעורים אויף ענגליש.

א גרויסן יישר כח פארן זינגען מוצאי שבת ביי די סעודה פון שושן פורים; דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן מיט אלעס גוטס בזכות וואס דו ביסט מכבד דעם אייבערשטן מיט דיין שיינעם קול, יעדעס מאל ווען עס איז דא א מסיבה אין ישיבה זינגסטו אזוי שיין, אזוי אויך ווען דו גייסט צו צום עמוד דאווענען; דו ביסט מקיים וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא ראה, סימן ט; רש״י משלי ג, ט): אויפן פסוק (משלי ג, ט): ״כַּבֵּד אֶת ה׳ מֵהוֹנֶךָ״ - מִכָּל מַה שֶּׁחֲנָנְךָ אֲפִילוּ מִקּוֹל עָרֵב, ״אַל תִּקְרֵי מֵהוֹנֶךָ אֶלָּא מִגְּרוֹנְךָ״.

אין דעם זכות זאלסטו זוכה זיין צו זען נחת פון דיינע קינדער, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סג): ״גַּם הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין לִפְנֵי הָעַמּוּד בִּנְגִינָה, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים״.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקהל פקודי, י"ט אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי', מנהלת בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב**

וויפיל איך זאל אייך נאר שרייבן וואסערע זכות איר האט מיט דעם וואס איר זענט מחנך אידישע קינדער, דארף איך אייך שרייבן נאך אסאך מער.

מוהרא"ש ברענגט א מאמר חז"ל (מדרש לקח טוב, פרשת נשא): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין"; דער עיקר חיזוק דארף מען געבן פאר די וואס זענען מחזק אידישע קינדער, ווייל דער וואס טוט פאר אנדערע, דיקא אזא מענטש האט כסדר חלישות הדעת וכו', אויך באקומט מען קריטיק פון מענטשן וכו'. מוהרא"ש זאגט: "ווער עס וויל נישט באקומען קיין קריטיק - זאל גארנישט טון"; ווייל נאר ווען מען טוט איז דא קריטיק. אויף א טויטע פערד וועט קיינער נישט רעדן, נאר איינער וואס לעבט און טוט אויף וועט מען קריטיקירן. דערפאר וויל איך אייך מחזק זיין איר זאלט ווייטער אנגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

איך בין געווען ביי א חתונה אין די משפחה צו זאגן מזל טוב; זייענדיג ביי די שמחה האב איך מיר אזוי געטראכט: 'וואס פעלט מיר אויס די גאנצע עסק מיט די ישיבה, תלמוד תורה, מיידל סקול וכו' וכו'? איך האב נישט קיין כח צו געבן דרשות יעדן טאג, וואס טו איך דען אויף מיט דעם?' איך האב זיך צעוויינט צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז אפילו מען איז אויפן גאס אדער וואו אימער און עס כאפט אן דעם מענטש צו רעדן צום אייבערשטן זאל מען דאס נישט אוועק שטופן, נאר דארט וואו מען איז, דארט וואו מען שטייט, זאל מען עפענען דאס מויל און רעדן אפאר דיבורים. מען האט דארט געווארט אויף די חופה, בין איך געשטאנען אין די זייט אזוי פאר מיר; קומט צו מיר צו א איד מיט א ווייסע בארד און הייבט מיר אן מחזק זיין, עס האט אויסגעזען ווי איינער האט אים געזאגט וואס איך טראכט און אים געשיקט מיר צו מחזק זיין. דער איד זאגט מיר: "דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וויפיל אידישע קינדער האבן חיזוק פון דיינע דרשות; דו היילסט אויס צעבראכענע הערצער", און דער איד הייבט אן וויינען מיט טרערן אין די אויגן, ער זאגט מיר: "דו מיינסט דו ביסט נאר מחזק בחורים, איך בין א איד מיט א ווייסע בארד און איך בין זיך מחי'!" איך קען דיר פרעגן א קשיא? - פרעגט מיר דער איד - "ווען איינער געבט צו
~~~~~~~~~~

עסן פאר א צווייטן איז ער דאך יענעם מחי׳, אפילו ער ווייסט אז מארגן וועט דער איד נאכאמאל ווערן הונגעריג, דאך ווען א מענטש טרעפט א הונגעריגן וועט ער זיך פרייען אז ער קען יענעם געבן עפעס זיך צו דערקוויקן דאס הארץ, אזוי זאלסטו אויך טראכטן ווען דו געבסט חיזוק פאר א צווייטן. טראכט נישט וואס וועט זיין באלד מיט יענעם, וואס וועט זיין מארגן מיט יענעם, קוק אויף די יעצמיגע מינוט וואס דו קענסט יענעם מחי׳ זיין, אפילו מארגן וועט ער אראפפאלן״; דער איד האט מיר ממש מחי׳ געווען.

דאס זעלבע זאג איך אייך, איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס הייסט מחי׳ זיין אידישע קינדער; עס קומען מיידלעך אין סקול, זייווארטן אלע אויף א שמייכל פונעם טיטשער, זיי ווארטן אויף א גוט ווארט פונעם מנהלת. מיט איין שמייכל וואס א טיטשער געבט פאר א מיידל קען זי מיט דעם ראטעווען דאס לעבן פון נאך א איד, קיינער ווייסט נישט וואס יענער טראכט, קיינער ווייסט נישט וואס קאכט זיך ביי יענעם; אפשר גייט יענער אריבער זייער א שווערע צייט אין שטוב און מיט א גוט ווארט איז מען פשוט מחי׳ מתים א אידיש קינד.

איך וואלט אייך זייער שטארק געוואלט בעטן אויב די מיידלעך פון אייער קלאס קענען מאכן דאס יאר נאכאמאל א פארשטעלונג, ווי מען וועט אויפשפילן א מעשה פון סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט; ווייל ווען די מיידלעך שטעלן פאר א מעשה פון סיפורי מעשיות ווערט דאס גוט איינגעקריצט אין זייער הארץ און עס ווערט א חלק פונעם לעבן, סיי ביי די מיידלעך און סיי ביי די מאמע׳ס, און עס קומט ארויס דערפון זייער אסאך גוטס.

איך ווייס אז עס איז א שווערע ארבעט פאר אייך, אבער מאכט אייך א חשבון, אלע מענטשן אויף דער וועלט דארפן שווער ארבעטן אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): ״אָדָם לְעָמָל יוּלָּד״ א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, קומט דער רבי און זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קיט) אז מען קען נעמען דעם עמל און איינטוישן פאר גוטע פלאג, אזוי קען מען זאגן ׳אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה׳.

בנוגע קעמפ; מען דארף שוין מסדר זיין די קלאסן פאר קעמפ פון אלע יארגענג. איך וויל זייער שטארק אז די מיידלעך פון די עלטסטע קלאס זאלן זיין די לערערינס פאר אלע כיתות און זיי זאלן אנפירן די שפיל פראגראם פארן זומער פאר די יונגערע מיידלעך. מיר האבן געוווג גרויסע מיידלעך וואס זענען שוין גענוג ערוואקסן צו קענען אנפירן דעם זומער פראגראם, מען דארף דאס נאר אנגרייטן פון פריער.

(חסר)

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער אין דעם זכות וואס איר טוט פאר אונזערע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ט אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

אז דער דאקטער הייסט אפערירן דארף מען זיך לאזן אפערירן; איך בין דאס אויך אריבער - נישט מער געדאכט - פאר זעקס יאר צוריק. ביי מיר איז געווען גרויסע ניסים ווייל עס האט שוין געהאט געפלאצט וכו׳; איך בין געליגן אין שפיטאל מיט שרעקליכע יסורים. איך האב זיך דעמאלט מקבל געווען, אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפן איך וועל בלייבן לעבן און צוריק קומען צו מיינע כוחות וועל איך אוועק געבן מער צייט און כח צו מחזק זיין בחורים. דאס זעלבע זאג איך דיר: פאר דו גייסט אריין זיך אפערירן זיי מתפלל אז אלעס זאל אריבער גיין בשלום און זאג פארן אייבערשטער אז דו וועסט פון היינט אן מער עוסק זיין אין הפצה, ארויס צו געבן די שיינע סידי״ס פון ״טאנץ מיט אמונה״.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס הייסט מחזק זיין א צעבראכענער איד; דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״א נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט און עס גייט אריבער אויף איר וואס עס גייט אריבער, אבער אלעס לוינט זיך אבי א טובה צו טון פאר א צווייטן איד״; כל שכן אז מען איז זוכה צו מחי׳ זיין און מחזק זיין טויזענטער אידן. פון ארום די גאנצע וועלט שרייבן מענטשן אז זיי זענען זיך מחי׳ מיט דיינע סידי״ס ׳טאנץ מיט אמונה׳; דאס בלאזט אריין אין זיי א חיות. דערפאר זאלסטו זיך יעצט פארנעמען אז אזוי ווי דו קומסט ארויס פון שפיטאל וועסטו ענדיגן דעם סידי ׳טאנץ מיט אמונה 3׳ און אזוי ווייטער.

זיי מנדב געלט פאר הדפסה; מוהרא״ש האט מבטיח געווען אז ווער עס דארף א ישועה זאל דרוקן ״אשר בנחל״ און ער וועט זען אויסטערלישע ישועות. איך גיי יעצט דרוקן נאכאמאל ״אשר בנחל״ אין אידיש, אז דו ווילסט קענסטו האבן א חלק אין דעם, וועסטו זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט דיר.

זיי געזונט און שטארק, דער אייבערשטער זאל דיר שיקן א רפואה שלימה.

...

~~~~~~~~~~

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויקהל פקודי, כ׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן לכבוד ... נרו יאיר**

מיר לערנען יעצט מסכת עבודה זרה; נעכטן האבן מיר געשמועסט ביים דף גמרא שיעור פון די עבודה זרה פון בעל פעור. מוהרא״ש ברענגט פון הרב הקדוש מליובאוויטש זכותו יגן עלינו, ער פרעגט (ליקוטי שיחות, ד׳): עס שטייט אין ספר יהושע (יהושע כב, יז): ״אֶת עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה״, ביז היינט זענען מיר נאכנישט ריין פון די עבודה זרה פון פעור; די תורה איז דאך א נצחיות, ווי איז שייך היינטיגע צייטן די עבודה זרה פון פעור? זאגט ער, אז ווען מען נעמט נידעריגע זאכן, פסולת און דברים שפלים, און מען האלט דאס חשוב, דאס איז די עבירה פון פעור, עיין שם.

מוהרא״ש איז דאס מסביר אז דאס גייט ארויף אויף שמוציגע מאוויס און שמוציגע מאגאזינען וואס ענטהאלטן נידעריגע און אויסגעלאסענע בילדער וכו׳, וואס דאס איז דאס ארגסטע זאך וואס איז דא אויף דער וועלט. אז מען קוקט דאס און מען מאכט אן עסק פון דעם, דאס איז די עבירה פון פעור.

דערפאר דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן נישט האבן קיין שייכות מיט די עבודה זרה און מיר זאלן ווערן אפגעהיטן פון די יצר הרע וואס וויל אונז אריינברענגען אין דעם. ווייל ווען א מענטש היט זיך נישט די אויגן און ער קוקט שמוציגע מאוויס ווערט ביי אים אויסגעריסן זיין אמונה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן לא): אמונה און ברית גייט צוזאמען, אזוי ווי עס שטייט (תהילים פט, כט): ״וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ״; און ווען א מענטש זינדיגט אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, פארלירט ער די אמונה.

אזוי אויך געפונען מיר וואס חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (סנהדרין סג:): ״אֵלִיָּהוּ הַצַּדִּיק הָיָה מְחַזֵּר עַל תְּפוּחֵי רָעָב שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם״, נאכן ערשטן חורבן בית המקדש איז אליהו הנביא ארום געגאנגען אין די גאסן פון ירושלים זיך אומקוקן און העלפן אידישע קינדער, ווייל עס האט דאן געהערשט א שרעקליכער הונגער, ״פַּעַם אַחַת מָצָא תִּינוֹק שֶׁהָיָה תָּפוּחַ וּמוּטָל בָּאַשְׁפָּה״, איינמאל האט ער געטראפן א אידיש קינד וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון הונגער און איז געלעגן אין די מיסט רחמנא לצלן, ״אָמַר לוֹ, מֵאֵיזֶה מִשְׁפָּחָה אַתָּה?״ האט אים אליהו הנביא געפרעגט: ווער ביסטו און וואס איז מיט דיין משפחה? ״אָמַר לוֹ, מִמִּשְׁפָּחָה פְּלוֹנִית אָנִי״, האט דאס קינד געענטפערט: איך קום פון א משפחה פון עטליכע טויזענט נפשות, ״אָמַר לוֹ, כְּלוּם נִשְׁתַּיֵּר מֵאוֹתָהּ מִשְׁפָּחָה?״ האט אים אליהו הנביא געפרעגט: אויסער דיר איז נאך איינער פון דיין משפחה געבליבן

לעבן? "אָמַר לוֹ, לָאו, חוּץ מִמֶּנִּי". האט דאס קינד געענטפערט: ניין, אלע זענען שוין אויסגעשטארבן, נאר איך בין געבליבן לעבן, "אָמַר לוֹ, אִם אֲנִי מְלַמֶּדְךָ דָּבָר שֶׁאַתָּה חַי בּוֹ, אַתָּה לָמֵד?" האט אים אליהו הצדיק געפרעגט: ווילסט איך זאל דיר אויסלערנען א זאך וואס וועט דיר געבן לעבן? "אָמַר לוֹ, הֵן". האט דער קינד געענטפערט: אודאי, "אָמַר לוֹ, אֱמוֹר בְּכָל יוֹם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד" האט אים אליהו הנביא געזאגט: זאג יעדן טאג דעם פסוק 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד', "אָמַר לוֹ, הָס. שֶׁלֹּא לְהַזְכִּיר בְּשֵׁם ה', שֶׁלֹּא לִימְּדוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ", האט זיך דער קינד אנגערופן: שווייג, זאג נישט ארויס די ווערטער פון מויל, מיינע עלטערן האבן נישט געהאלטן פון דעם. פארציילט די גמרא "מִיָּד הוֹצִיא יִרְאָתוֹ מֵחֵיקוֹ וּמְחַבְּקָהּ וּמְנַשְּׁקָהּ, עַד שֶׁנִּבְקְעָה כְּרֵיסוֹ וְנָפְלָה יִרְאָתוֹ לָאָרֶץ, וְנָפַל הוּא עָלֶיהָ", דאס קינד האט ארויסגענומען פון זיין טאש זיין קליינע געטשקע און ער האט עס געקושט און געהאלדזט ביז זיין בויך האט אים געפלאצט פון הונגער און ער איז ארויף געפאלן אויף דעם געטשקע און געשטארבן.

מוהרא"ש זאגט אז ווען מען לערנט די מעשה פארשטייט מען נישט וואס ער האט ארויסגענומען פון טאש וכו', אבער היינט קען מען דאס זייער גוט פארשטיין, ווען מען זעט ווי מען טראגט אין טאש א קליינע כלי וואס מען קען זען דערויף אלע שמוץ פון די גאנצע וועלט רחמנא לצלן און דאס נעמט אוועק די לעבן. ווייל אז מען קוקט שמוץ וכו' וכו' ווערט מען זייער צעבראכן, נאכדעם זוכט מען וועגן ווי אזוי צו ווערן פרייליך, מען פאלט אראפ אין דראגס וואס דאס בלאזט אויף דעם מענטש און דאס הרג'ט דעם מענטש בגשמיות וברוחניות.

דאס איז פשט פון די מעשה, אליהו הנביא איז ארום געגאנגען העלפן אידישע קינדער, האט ער געטראפן א קינד ליגן אין אשפה אין מיסט, דאס איז ווען א מענטש קוקט שמוציגע מאוויס וכו' ליגט ער אין מיסט, האט ער אים געוואלט ארויס נעמען פון דארט דורך אמונה, אבער ער האט נישט געוואלט, ווייל ברית מיט אמונה גייט צוזאמען, אז מען היט זיך נישט די אויגן פארלירט מען די אמונה.

נאך א זאך זעט מען פון די מעשה, אז די וועג ארויס צו קריכן פון די בלאטע פון די עבודה זרה פון פעור - איז דורך ליינען קריאת שמע; מען זאל זיך חזר'ן די אמונה, אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט נאר דער אייבערשטער. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לו): וואס זאל א מענטש טון ארויס צו קריכן פון זיינע שלעכטע מחשבות, מחשבות פון ניאוף? ער זאל ליינען קריאת שמע, וואס דאס איז מבטל אלע שלעכטע מחשבות. און אויב דער מענטש איז שוין זייער שטארק אראפגעפאלן אין ניאוף, זאל ער וויינען ווען ער זאגט דעם פסוק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", דאס

וועט אים ארויס שלעפן פון זיינע שלעכטע מעשים; ווייל ווען א מענטש גלייבט אינעם אייבערשטן, ער ווייסט אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט נאר דער אייבערשטער, דאס נעמט אוועק פון אים אלע קליפות און אלע יצר הרע׳ס.

איך לויף אריין צו די בחורים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויקהל פקודי, כ׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אלע חשוב׳ע תלמידות פון בית פיגא ברסלב שתחיו**

איך פריי מיר זייער צו הערן פון אייער טיטשער מרת ... תחי׳ אז אלע פון אייך פירן זיך אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין מיט גרויס דרך ארץ, און נאך מער פריי איך מיר צו הערן אז איר פירט זיך אויף איידל און אלע פון אייך גייען אנגעטון בצניעות.

איר ווייסט דאך זיכער וואס דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; נאך אביסל וועט איר אלע חתונה האבן און האבן קינדער, איז בזכות וואס איר פירט זיך בצניעות וועט איר האבן ערליכע קינדער.

א מיידל פון סקול האט מיר געשריבן די וואך א בריוו וואס האט מיר זייער מחי׳ געווען; זי שרייבט מיר אז ביי אונז אין סקול איז צניעות נישט קיין יאנטשי זאך, פארקערט, אלע ארויפגעקוקטע מיידלעך געבן אכטונג אויף צניעות. מען פארשטייט אז צניעות איז נישט קיין קנס נאר עס איז א חשוב׳ע זאך. זי שרייבט מיר אין די בריוו אז אין אסאך פלעצער איז אנגענומען צווישן די מיידלעך אז די בטלני׳שע מיידלעך - זיי גייען אנגעטון ערליך, און די פיקט אפ מיידלעך, זיי טוהן זיך אן מער פראסט און נישט אזוי איידל, אבער ביי אונז אין סקול גייען אלע אנגעטון איידל.

איך בין זייער פרייליך געווארן ווען איך האב געליינט דעם בריוו, ווייל איך ווייס נישט צי איר ווייסט וואס מיר זענען אריבער ווען מיר האבן געעפנט די סקול; עס איז מיר אנגעקומען זייער שווער און איך האב אסאך מסירות נפש אריין געלייגט אינעם סקול. באמת האב איך בכלל נישט געהאט קיין כח צו עפענען די סקול; א יאר בעפאר דעם האבן מיר געעפענט די חדר און מיר האבן זיך זייער געמוטשעט, האב איך נישט געקענט טראכטן פון עפענען א סקול. אבער מאנטאג פרשת נח שנת תשע״ב לפרט קטן האב איך באקומען א בריוו פון מוהרא״ש וואו ער בעט מיר אז איך זאל עפענען א סקול;
~~~~~~~~~~

מוהרא״ש האט דעמאלט געגעבן דעם נאמען פאר די סקול ״בית פיגא״ אויפן נאמען פון דעם הייליגן רבינ׳ס מאמע פיגא.

איך האב זיך גלייך גענומען צו די עבודה. איך האב נישט געטראכט קיין צוויי און נאך יענע נאכט בין איך אריבער געגאנגען צו אייער מנהלת אין שטוב, איך האב איר זייער געבעטן זי זאל מיר העלפן און זי זאל ווערן מנהלת ביי אונז אין סקול. געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן אזא חשוב׳ע מנהלת וואס זי לייגט אריין איר גאנצע לעבן פאר אייך מיידלעך.

מיר האבן זיך זייער געמוטשעט במשך די ערשטערע יארן און מיר מוטשען זיך נאך אלץ טאג טעגליך וכו׳, און אז איך הער אז ביי אונז אין סקול איז צניעות נישט קיין יאנטשי זאך, נאר עס איז גאר א חשוב׳ע זאך און אלע מיידלעך גייען אנגעטון איידל וכו׳; אלע פארשטייען אז צניעות איז שיין, צניעות איז רייך, צניעות איז ארויפגעקוקט, פריידט מיר זייער דאס הארץ דאס צו הערן.

איך בעט אייך טייערע מיידלעך תלמידות פון ׳בית פיגא׳, געבט אכטונג אויף א צווייטע מיידל׳ס געפילן; ווען איר זעט א מיידל וואס איז איינזאם, קיינער רעדט נישט מיט איר, זי זיצט אליין, זי האט נישט קיין חברט׳ס זאלט איר מקרב זיין אזא סארט מיידל. מען קען זיך איינקויפן עולם הבא מיט דעם וואס מען געבט אכטונג אויף א צווייטן, אייביג זאלט איר שפילן מיט די מיידלעך וועם קיינער רופט נישט.

אויב איר מאכט ביי אייך אין שטוב אן עונג שבת וכו׳ זאלט איר האלטן קאפ אויף די מיידלעך וואס זיצן אייביג שטיל פאר זיך, זיי אויך צו מקרב צו זיין, וועט דער אייבערשטער אייך מקרב זיין. ווייל ווי אזוי א מענטש פירט זיך מיט א צווייטן אזוי פירט מען זיך צו אים פון הימל; ווען א מענטש געבט נאך אויף זיינע מידות, ער איז מוותר אויף זאכן וואס שטערט אים, איז אים דער אייבערשטער מוחל אויף אלע זיינע עבירות. אזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (ראש השנה יז.): ״כָּל הַמַּעֲבִיר עַל מִידוֹתָיו, מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו״.

שטעלט אייך פאר צו וואס איר קענט זוכה זיין מיט איין מאל מוותר זיין פאר א חבר׳טע אדער פאר א שוועסטער וכו׳; אלע עבירות ווערן אויסגעמעקט. און זיכער ווען עס קומט צו די עלטערן, אויב מען איז מוותר, מען פאלגט טאטע מאמע, וועט איר זיכער זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט אייך אלעס מוחל זיין און געבן נאר גוטס.

איך בעט אייך נאך איין זאך, אזוי ווי מיר שטייען יעצט פאר דעם יום טוב פסח ווען די מוסד דארף באצאלן פאר אלע מלמדים און טיטשערס, און מיר האבן אסאך חובות, זאלט איר אלע בעטן דעם אייבערשטן אז די ישיבה זאל זיך נישט דארפן

מוטשען און מיר זאלן קענען באצאלן פאר אלע איינגעשטעלטע צייטליך. אויך זייט מתפלל אז מיר זאלן האבן א שיינע פלאץ פאר זוממער און אויך א שיינע פלאץ פאר א גאנץ יאר, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו גיין קיין ירושלים מיט משיח צדקינו, אמן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך

יום ד׳ פרשת ויקהל פקודי, כ׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב גרויס רחמנות אויף דיר און איך ווייס דיר נישט וואס צו זאגן... איין זאך קען איך דיר זאגן: דו ביסט א גרויסער רחמנות... דו האסט א טייערע ווייב מיט ליכטיגע קינדער; דו האסט אן אייגענע הויז, דו האסט א פיינע פרנסה און דו ליגסט אין בעט מרה שחורה׳דיג און דו ווילסט נישט אויפשטיין.

איך האב דיר שוין פרובירט מחזק צו זיין אן א שיעור מאל; זעט אויס אז דו פארשטייסט בעסער פון מיר און דו האלסט זיך קלוגער פון מיר. קען זיין אז דעם רבינ׳ס עצות איז צו פשוט פאר דיר, דו קוקסט אן אונזער חבורה ׳היכל הקודש קודש קדשים׳ ווי קליין קעפלדיגע מענטשן. וויל איך דיר זאגן וואס דער תם האט געזאגט פארן חכם (ספורי מעשיות, מעשה ט׳ מחכם ותם): ״קוק צו וואס מיין תמימות האט מיר צוגעברענגט - צו אזוי איין גדולה, און צו וואס דיין חכמה האט דיר געבראכט.״

פאלג מיר, מאך צו דיין סאשעל מידיע וואס דאס רייסט דיר אוועק פון דיינע קינדער און דו האסט נישט קיין איין טראפ געדולד צו זיי; אמאל פלעגסטו זיי פארהערן, דו פלעגסט זיך שפילן מיט זיי, דו האסט הנאה געהאט צו זיצן אין שטוב מיט דיין ווייב און קינדער. היינט זוכסטו זיך יעדע רגע וואו צו אנטלויפן, עס איז ביי דיר מקוים געווארן די קללה וואס דער אייבערשטער האט געשאלטן קין (בראשית ד, יב): ״נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ״, וואו די גייסט ביסטו נישט צופרידן.

קוק וואס פאסירט ווען מען זינדיגט רחמנא לצלן - מען פארלירט דעם מח; דיין ווייב איז שוין געקומען צו מיר אפאר מאל, זי פרעגט מיר צי איז מחויב צו לעבן מיט דיר, ווייל דו שרייסט אויף איר און דו ווארפסט אן אויף איר א פחד און אן אימה יעדע מינוט. ווען זי פרעגט דיר צי דו דארפסט עסן, שרייסטו אויף איר מיאוס׳ע ווערטער,
~~~~~~~~~~~

ווען זי פרעגט דיר שבת אינדערפרי 'וואו גייסטו דאווענען', שרייסטו אויף איר קללות נמרצות. זי איז געווען ביי מיר אין אפיס און געוויינט, זי האט מיר געפרעגט: "ראש ישיבה, דאס איז מיין לעבן? איך וועל דארפן אזוי ליידן אלע מיינע יארן?!"

וויפיל אינגעלייט מוטשען זיך אנצוגיין טאג טעגליך מיט שווערע ביטערע נסיונות; זיי האבן נישט קיין געלט צו קענען צאלן דירה געלט וכו' וכו'. וויפיל אינגעלייט וואלטן געוואלט האבן אן אייגענע דירה, א שטוב מיט ליכטיגע קינדער, און דו ווען דו האסט שוין דאס אלעס זוכסטו זיך פון אונטער דער ערד ווי זיך אפצורעדן?!

נאך חצות איז ביי מיר שוין כמעט דער טאג אריבער און דו ליגסט נאך אין בעט מרה שחורה'דיג ווי א גע'פגר'טע קו?! איך בעט דיר, טאנץ ארויס פון בעט און לויף אין שול דאווענען שחרית. טו אן טלית און תפילין און דאנק דעם אייבערשטן אז דו ביסט געזונט. נאך שחרית נעם א חומש און זיי מעביר סדרה, די וואך האבן מיר צוויי לאנגע סדרות.

די וואך נאכן ליינען גייט מען אויסשרייען: "חזק, חזק, ונתחזק"; די אלע וואס פאלגן דעם הייליגן רבי'ן, זיי נעמען יעדן טאג דעם חומש און פון אנהייב וואך זענען זיי מעביר סדרה, די קענען שרייען: "חֲזַק, חֲזַק", אבער די וואס שטופן עס אפ ביז סוף וואך, די בלייבן נעבעך "חוֹזֵק", ווייל עס גייט אריבער א וואך נאך א וואך און מען לערנט ניטאמאל קיין חומש.

ווען דו ענדיגסט דאווענען אין מעביר סדרה זיין קום אהיים און עס פרישטאג מיט דיין ווייב; געב איר גוטע ווערטער, געב איר ליבשאפט וכו' און בעט איר איבער, זאג איר אז דו הייבסט אן א נייע לעבן.

ווי קען מען זיין אזוי שלעכט צו די אייגענע ווייב? ווי קען מען רעדן מיאוס'ע ווערטער צו די ווייב?! איינע פון די סימנים פון א איד איז דאך אז ער איז א רחמנות'דיגער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות עט.) אז די אידן האבן דריי סימנים: "רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים".

געדענק וואס איך חזר שטענדיג איבער ביי די שיעורים, וואס מוהרא"ש פלעגט אונז זאגן, אז די גאנצע געלט און די גאנצע הצלחה פונעם מענטש קומט בזכות דעם וואס מען איז מכבד די ווייב, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סט): "כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", די גאנצע פרנסה קומט בזכות די פרוי; זוך נישט צו זיין גערעכט, עס איז א גרויסע רחמנות אויף די מענטשן וואס קריגן זיך טאג און נאכט. ענדערש געב נאך ווי צו זיין גערעכט; וואס וועסטו האבן אז דו וועסט זיך קריגן, דו אליינס ווערסט דאך אויפגעגעסן פון די אלע קריגערייען.

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, אסאך מאל ווען מען קוקט אויף דיר כאפט פשוט אן א שרעק; דו זעסט אויס ווי א טויטער מענטש, אן קיין שום חיות און אן קיין שום לחליחות. איך האב דיר עס קיינמאל נישט געזאגט, אבער יעצט אז דו שרייבסט מיר איינס אזייגער נאכמיטאג אן אימעיל אז דו ליגסט אין בעט און דו ווילסט נישט אויפשטיין, זאג איך דיר אפען ארויס אז דו ביסט א גרויסער רחמנות...

טייערער הארציגער חבר, מיר האבן א רבי וואס ער קען יעדן איינעם העלפן, אפילו א משוגע'נעם קען מען העלפן; דער פראבלעם איז נאר אז דער משוגע'נער האלט אז ער איז נארמאל נאר דער דאקטער איז משוגע. אזוי זאגט דער רבי (שיחות הר"ן, סימן סז): "כִּי עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, כִּי הַמְשֻׁגָּע - אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל", פארוואס ווערט א מענטש משוגע? ווייל ער פאלגט נישט דעם אמת'ן חכם און דעם אמת'ן צדיק, ווייל ווען דער מענטש וואס איז פיל מיט שגיונות - אויב וואלט ער געפאלגט א חכם וואלט ער געווארן אויס משוגע; יעדער מענטש האלט פון זיך, ער האלט אז ער איז דער קלוגסטער און דער געלונגענסטער מענטש וכו' וכו', אבער אויב דער מענטש האט נישט קיין ביטול צו א צדיק און צו אן אמת'ן חכם, וועט ער אינגאנצן פארפירט ווערן. א מענטש מוז האבן א רבי - א מורה דרך מיט וועם ער שמועסט זיך דורך זיין לעבן און ווען ער האט א שווערע איבערגייעכץ אדער שווערע נסיונות, גייט ער צו זיין רבי און רעדט מיט אים.

א מענטש וואס גייט אליינס איז אין א גרויסער סכנה; אסאך מאל מאכט דער יצר הרע אז א מענטש זאל זיך פירן גוט און פיין פאר א לאנגע צייט, נאר ווייל ער וויל איינרעדן דעם מענטש אז ער קען זיך אליינס אן עצה געבן, נאכדעם ווארפט ער אים אראפ אין א פלאנטער און דער מענטש קען זיך נישט קיין עצה געבן, ער ווייסט נישט ווי אזוי זיך ארויסצוזען פונעם פלאנטער.

אז דו קומסט צו מיר נאכאמאל און נאכאמאל וויל איך דיר קלאר שטעלן אז איך בין ווייטער גרייט צו רעדן מיט דיר און דיר ווייטער אוועק געבן פון מיין טייערע צייט - נאר אז דו וועסט פאלגן; מיין צייט איז מיר זייער טייער און איך בין גרייט ווייטער צו רעדן מיט דיר נאר אז דו וועסט מיר פאלגן, אבער סתם אזוי רעדן און שמועסן און נאכדעם שרייבסטו מיר אז דו ווילסט נישט אויפשטיין וכו' ווען עס פעלט דיר גארנישט, אויף דעם בין איך נישט גרייט.

עס פעלט דיר באמת גארנישט, נאר דאס ביסל שכל אז דו זאלסט אוועק ווארפן דיין שכל, וואס באמת איז די גרעסטע שכל אז מען לייגט אוועק די שכל, אזוי ווי דער

היילגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן טו): "שֶׁהוּא חָכְמָה וּמְלָאכָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת כְּמוֹ בְּהֵמָה", עס איז א גרויסע חכמה צו זיין אזוי ווי א בהמה, זיך צו פירן פשוט בתמימות ובפשיטות, אזוי ווי עס שטייט (שמות לו, א): "כָּל אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה בָּהֵמָּה". הַיְנוּ שֶׁהוּא חָכְמָה לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כִּבְהֵמָה. און אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין ה:): אויפן פסוק (תְּהִלִּים לו, ז): "אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ ה'" - אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם שֶׁעֲרוּמִים בְּדַעַת וּמְשִׂימִין עַצְמָן כִּבְהֵמָה. און אזוי ווי אסף בעט דעם אייבערשטן (תהלים עג, כב): "וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ".

זיי נישט ברוגז אז איך שרייב דיר אזוי שארף; גלייב מיר איך שרייב נאך זייער איינגעהאלטן. איך האב נישט דא קיין שום אייגענע נגיעה, איך וויל פשוט אז דו זאלסט האבן א לעבן. איך האב אלעס אוועק געגעבן פון מיר; איך דארף נישט גארנישט, איך וויל נישט גארנישט און איך האב נישט גארנישט, איך וויל נאר אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן.

בעט איך דיר, מאך שלום מיט דיין ווייב; טו עס פאר דיינעט וועגן, טו עס פאר דיינע ליכטיגע קינדער. מאוויס וועט דיר נישט פרייליך מאכן; עבירות מאכט נישט פרייליך, עבירות מאכט נאר מער צעבראכן. אנשטאט דו זאלסט זיך שרייבן מיט קרעציגע מענטשן, מיט מענטשן וואס דו ווילסט נישט זיין ווי זיי, פארברענג ענדערש מיט דיינע קינדער.

בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל מיר אפלאזן פון די עבירות, העלף מיר איך זאל זיין פרייליך, העלף מיר איך זאל לעבן מיט מיין ווייב בשלום ובשלוה"**, אזוי זאלסטו מאריך זיין מיט תפילה, ביז דו וועסט זוכה זיין ארויס צו קריכן פון דיין עבר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקהל פקודי, כ' אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר**

בנוגע צי מיר וועלן זיין אינעם נייעם בנין נאך דעם יאר ראש השנה אין אומאן; וואס זאל איך דיר זאגן, הלואי וואלט איך דיר געקענט ענטפערן 'יא', ביז דערווייל בין איך עומד ומצפה לישועת ה' ער זאל מיר העלפן ענדיגן דעם בנין. איך בין ארייגעפאלן אין חובות, איך דארף נאך שאפן איבער א האלב מיליאן דאללער צו ענדיגן דעם בנין,
~~~~~~~~~~~

ואין בידי לפורטה אפילו שוה פרוטה. אבער איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל עס קענען ענדיגן בויען אן חובות.

מען זעט ווי עס בויעט זיך פאר יעדער מוסד און פאר יעדער קהלה הערליכע בנינים וכו'; בעט איך דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, 'וְלֹא תְּהֵא כּוֹהֶנֶת כְּפֻנְדְּקִית?' פארוואס מיר דארפן זיך אזוי מוטשען?!" נאר דער תירוץ איז זייער פשוט: "מען קען נישט בויען קיין תורה מיט געלט; תורה און אמונה קען מען נאר אריין ברענגען אין מענטשן מיט בלוט און מיט שווייס".

מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (אבות ו, ט): רבי יוסי בן קיסמא פארציילט: "פַּעַם אַחַת הָיִיתִי מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ", איינמאל בין איך געווען אונטערוועגנס, "וּפָגַע בִּי אָדָם אֶחָד", און א מענטש האט מיך אנגעטראפן, "וְנָתַן לִי שָׁלוֹם, וְהֶחֱזַרְתִּי לוֹ שָׁלוֹם", ער האט מיר געגעבן שלום און איך האב אים צוריקגעגעבן. "אָמַר לִי, רַבִּי, מֵאֵיזֶה מָקוֹם אַתָּה?" האט ער מיר געפרעגט פון וואו איך קום, "אָמַרְתִּי לוֹ, מֵעִיר גְּדוֹלָה שֶׁל חֲכָמִים וְשֶׁל סוֹפְרִים אָנִי", האב איך אים געזאגט אז איך וואוין אין א פלאץ פון תלמידי חכמים, "אָמַר לִי, רַבִּי, רְצוֹנְךָ שֶׁתָּדוּר עִמָּנוּ בִּמְקוֹמֵנוּ, וַאֲנִי אֶתֵּן לְךָ אֶלֶף אֲלָפִים דִּינְרֵי זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת?" האט ער מיר געפרעגט 'אפשר ווילסטו קומען וואוינען ביי אונזער שטאט און איך וועל דיר געבן אסאך געלט און טייערע שטיינער', "אָמַרְתִּי לוֹ, בְּנִי, אִם אַתָּה נוֹתֵן לִי כָּל כֶּסֶף וְזָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה", האב איך אים געענטפערט 'אפילו אויב דו וועסט מיר געבן די גאנצע געלט פון די וועלט וועל איך אויך נישט גיין וואוינען נאר אויף א פלאץ וואו מען לערנט תורה', "וְלֹא עוֹד, אֶלָּא שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד", ווייל ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט נעמט ער מיט נאר תורה און גוטע מעשים; די אלע געלט, גאלד און זילבער דאס נעמט מען נישט מיט מיט זיך.

די וועלט פרעגט זייער א שטארקע קשיא אויף דעם סיפור, פארוואס ווען דער מענטש האט אים אנגעטראגן צו געבן אלף אלפים דינרי זהב ואבנים טובות ומרגליות, האט ער נישט מסכים געווען צו גיין וואוינען ביי אים, ער וואלט דאך געקענט נעמען די געלט און בויען דארט ישיבות, בתי חינוך און מאכן דארט א מקום תורה? ענטפערט דער גאון רבי חיים וואלאזשינער זכותו יגן עלינו, אז א מקום תורה קען מען נישט בויען מיט געלט, א מקום תורה קען מען נאר בויען מיט מסירות נפש.

אזוי דערציילט מען אויך נאך פון הייליגן סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו, אז די הנהלה האט זיך אמאל באקלאגט פאר אים אז די מוסד האלט זיך ביים פארמאכן ווייל

עס איז נישט דא קיין געלט צו צאלן די איינגעשטעלטע, האט דער רבי געענטפערט: "א מוסד מאכט זיך נישט צו אז עס האט נישט קיין געלט, א מוסד מאכט זיך צו פון מחלוקת אדער פון דעם וואס מען פירט עס מיט נגיעות שלא לשם שמים".

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר מוטשען זיך אויך יעדן טאג אינעם מוסד; יעצט דארף איך שאפן איבער הונדערט טויזענט דאללער צו קענען באצאלן די איינגעשטעלטע אינעם מוסד. דאס אליינס איז א נס אז מיר האבן נישט קיינעם אויף וועם זיך צו פארלאזן, אזוי פארלאזן מיר זיך נאר אויפן אייבערשטן, מיר קוקן נאר צו אים, וועט ער אונז זיכער העלפן. אז מען קוקט צוריק זעט מען די ניסים ונפלאות ווי מיר גייען אן שוין צען יאר מיט די ישיבה, אכט יאר מיט די תלמוד תורה און זיבן יאר מיט די מיידל סקול, אזוי וועט דער אייבערשטער ווייטער העלפן.

נעם נאך נישט צוזאם געלט פאר בעטן אין אומאן, ווייל איך ווייס נישט צי מיר וועלן שוין זיין אינעם נייעם בנין.

א יישר כח פארן צוזאמנעמען די קינדער ביי שלש סעודות אין בית המדרש בשעת מען זינגט זמירות; עס איז א תענוג צו הערן ווי שיין די קינדער זינגען מיט די ניגונים. מיר דארפן מחנך זיין די קינדער אזוי ווי דער רבי האט געוואלט, דער רבי האט געוואלט מען זאל זינגען זמירות שבת דארפן מיר זינגען זמירות בתמימות ופשיטות (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן קד); אז דו וועסט זיי אזוי מחנך זיין וועלן אונזערע קינדער אויסוואקסן גרויסע צדיקים.

הלוואי וואלסט דו וואלסט ווען געזאגט מיט זיי יעדע וואך שיר השירים פארן דאווענען אזוי ווי דו טוסט זומער אין קעמפ; דאס איז ביי מיר דער גרעסטער תענוג און נחת רוח, צו זען ווי די קינדער וואקסן אויף ערליכע אידן.

בנוגע לערנען מיט די קינדער הלכות פסח וכו'; לערן מיט זיי דעם ספר 'דרך החיים' פון הייליגן חוות דעת זכותו יגן עלינו. דער סאטמארער רבי זי"ע האט געזאגט אז מען זאל דאס לערנען מיט קינדער ווייל דארט איז צוזאמגענומען זייער שיין אלע הלכות אויף למעשה. מוהרא"ש זכרונו לברכה אין די 'הגדה של פסח אור זרוע' ברענגט אראפ די הלכות פונעם ספר דרך החיים.

דער עיקר לייג אריין אין די קינדער אמונה פשוטה; פארציילט זיי מעשיות פון צדיקים, דאס וועט זיי אויפפלאקערן זייער הארץ, און זיי וועלן אויך זיין צדיקים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויקהל פקודי, כ׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

א גרויסן דאנק פארן אויפנעמען די בחורים אזוי שיין פורים און פארן העלפן די ישיבה מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין; דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל מקוים ווערן ביי דיר (משלי כא, כא): ״רֹדֵף צְדָקָה וָחָסֶד יִמְצָא חַיִּים״, ווער עס געבט צדקה וועט לעבן.

בנוגע וואס דו האסט מיר געזאגט וועגן דיין וכו׳; איך בין מתפלל פאר דיר אז דו זאלסט זיין געזונט און שטארק און דו זאלסט האבן א גאנצע רפואה. מיר דארפן חזר׳ן וואס דער הייליגער תם פלעגט זאגן (ספורי מעשיות, מעשה ט): ״ביים אייבערשטן איז אלץ מעגליך״; דער אייבערשטער איז דער רופא נאמן און ער ווארט מיר זאלן זיך צו אים ווענדן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זיין געזונט און שטארק; זיי מיר מודיע ווען עס וועט אוועקגיין פון דיר וכו׳ ווייל איך בעט פאר דיר.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויקהל פקודי, כ׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

איך האב נישט קיין ווערטער דיר צו דאנקען פאר אלעס וואס דו העלפסט מיר; אנגעפאנגען מיט די שכר לימוד, דו העלפסט מיר אז אלע עלטערן זאלן מאכן וואוטשערס. און יעצט זע איך אז דו האסט זיך אונטער גענומען צו העלפן האברך מו״ה ... ני״ו, ער זאל קענען באצאלן אלע איינגעשטעלטע אויף יום טוב פסח; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

געב איבער פאר אלע עלטערן, אז די אלע משפחות וואס מאכן וואוטשערס האבן א חלק אין אלע תורה תפילה וואס גייען ארויס פון די הייליגע מיילער פון די תינוקות של בית רבן. די קינדער ביי אונז אין מוסד ווערן מחונך מיט אמונה, זיי לעבן מיטן אייבערשטן, די מלמדים און טיטשערס לייגן אריין אין זיי אמונה, תפילה מיט יראת שמים; די אלע זכותים ווערן צוטיילט פאר אלע וואס העלפן אז דער מוסד זאל קענען אנגיין.

יעדעס מאל מען האקט אפ די וואוטשערס און מען דארף אראפ פארן צו זייער אפיס וכו', מען געבט אוועק צייט, מח און כח וכו' וכו', דאס ווייזט אז דער מענטש האט הכרת הטוב פאר די מוסד, דאס ווייזט אז מען אנערקענט וואס מיר טוהן. אבער ווען עלטערן דרייען זיך ארויס פון העלפן די מוסד, יעדע מאל טרעפט מען גוטע תירוצים פארוואס מען קען נישט מאכן קיין וואוטשערס אדער אנדערע זאכן וואס מען בעט, דאס ווייזט אז זיי פארשטייען נישט וואס די מוסד טוט פאר זייערע קינדער, זיי שעצן נישט אונזער ארבעט, און זיי כאפן נישט וואס די מלמדים און טיטשערס גייען אריבער יעדע מינוט מיט דעם וואס זיי זיצן מיט א גאנצע קלאס קינדער וכו' וכו'.

איך בעט דיר דו זאלסט מיר ברענגען יעדן חודש א ליסט פון די עלטערן וואס האבן וואוטשערס, און די וואס גייען אריבער שוועריקייטן ביים מאכן די וואוטשערס און זיי געבן אוועק זייער צייט צו זיצן ביי די שטאטישע אפיסעס; איך וועל פאר זיי אלע מתפלל זיין און איך וועל זיי מכיר טוב זיין.

ווען אלע עלטערן וואלטן געצאלט שכר לימוד וואלטן מיר געקענט האבן א גוטע פלאץ פאר די קינדער, מיר וואלטן געקענט דינגען אדער קויפן א רחבות'דיגער בנין פאר די סקול; די מיידלעך וואלטן נישט געדארפט זיין צעטיילט און צעקוועטשט וכו'. איך אליינס קען נישט אויפהאלטן א גרויסע פלאץ, קוים וואס מיר שטופן אזוי וכו', יעדן טאג איז א נס אז מיר גייען אן.

דער עיקר זאלן מיר זוכה זיין צום פסח אליין; מיר זאלן זוכה זיין ארויס צו גיין פון אונזער גלות מצרים וואו מיר ליגן און מיר זאלן אנהייבן לעבן מיטן אייבערשטן. מיר זאלן וויסן אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט נאר דער אייבערשטער און צו אים דארפן מיר זיך ווענדן ווען מיר דארפן א ישועה, אמן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקהל פקודי, כ' אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר**

איך האב געזען וואס דו שרייבסט מיר פון שפיטאל אז דו האסט מסיים געווען די פינף און זעכציגסטע מאל ששה סדרי משנה; איך ווייס נישט צי עס איז דא אזא זאך אין די גאנצע וועלט, אז א בחור זאל ליגן אין שפיטאל, אריבער גיין א שווערע אפעראציע און ער זאל לערנען דארט משניות.
~~~~~~~~~~

איך גרויס זיך מיט דיר; ראו מה בין בני לבן... מען זעט א חילוק פון א בחור וואס פאלגט דעם הייליגן רבינ׳ס עצות און לערנט אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי׳ן ביז א צווייטער חסיד וואס גייט צו א רבי און ווייסט נישט פארוואס ער גייט צום דעם רבי׳ן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שלה): ״הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין אדמו״ר כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים, שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים? !״ וואלט איך נישט געקענט זיין א רבי פונקט ווי אלע רבי׳ס וואס די חסידים ווייסן נישט פארוואס מען פארט צום רבי׳ן און ווען מען קומט אהיים ווייסט מען נישט מיט וואס איז מען צוריק געקומען; נאר איך האב מפקיר געווען מיין לעבן, מיין ווייב און מיינע קינדער - אלעס נאר פאר ענק.

שטארק דיר און דאנק דעם אייבערשטן אז די אפעראציע איז אריבער בשלום; איך האף דיר צו זען בקרוב צוריק אין ישיבה און מיר וועלן ווייטער מאכן די נייע סידי ״טאנץ מיט אמונה 3#״

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך- יום ה׳ פרשת ויקה״פ, כ״א אדר, יודה״ל של הרה״ק רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי״ע, שנת תשע״ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז זייער א גרויסער טאג, עס געפאלט היינט דער יארצייט פון דעם הייליגן רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו.

מיר האבן נישט קיין השגה וואס א צדיק איז; א צדיק איז ביי זיך בטל ומבוטל צום אייבערשטן. עס איז באוואוסט דעם סיפור אז איינמאל ווען דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו איז געווען אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט ביי א קרעטשמע, האט אים דער בעל הקרעטשמע געוויזן אז ער האלט דעם ספר נועם אלימלך אונטערן טיש. ער איז געווען א מתנגד און ער האט פארשעמט דעם הייליגן ספר מיטן דאס אונטערלייגן אינטערן פיסל פונעם טיש. ווען ער האט געפרעגט דעם הייליגן בעל התניא צי ער ווייסט ווער דער בעל מחבר פון דעם ספר איז, האט ער אים געענטפערט: ״יא, איך ווייס ווער ער איז״, האט אים דער בעל הבית געבעטן ער זאל אים עפעס פארציילן פון אים, האט אים דער בעל התניא זי״ע געזאגט: ״איין זאך קען איך דיר
~~~~~~~~~~~

זאגן, ווען דו זאלסט ווען נעמען דעם בעל מחבר פונעם ספר און אים אליינס לייגן אונטערן טיש, וואלט ער געשוויגן אזוי ווי דער ספר שוויגט, פון גרויס ענוה״.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט דערציילט, יעדעס מאל ווען די רעבעצין איז געגאנגען אין שפיטאל פאר א קינד, פלעגט ער מיט נעמען דעם ספר נועם אלימלך אונטער צו לייגן אונטער איר קאפ; כידוע אז דאס איז א סגולה פאר א חולה און פאר א יולדת אז אלעס זאל אריבער גיין בשלום. איינמאל האט די רעבעצין געפרעגט מוהרא״ש פארוואס ער נעמט נישט א ליקוטי מוהר״ן? האט איר מוהרא״ש געענטפערט: ״ליקוטי מוהר״ן האב איך אין מיר, אז מען וועט מיר אויף שניידן וועט נישט קומען קיין בלוט, נאר עס וועט ארויס רינען ליקוטי מוהר״ן״; פון די מעשה לערנט מען זיך ארויס צוויי זאכן. איינס, אז מוהרא״ש האט געלערנט ליקוטי מוהר״ן אזוי סאך מאל אז ער האט עס געהאט אין די בלוט; מען האט געזען בחוש ווי ליקוטי מוהר״ן ליגט אים אין די בלוט, אפילו מען האט נישט אויפגעשניטן מוהרא״ש פלעגט נאר רינען פון מוהרא״ש ליקוטי מוהר״ן. עס איז נישט געווען קיין בריוו, שיעור, תורה, שמועס, וכו׳ - אן דערמאנען דעם רבי׳ן, יעדע פאר ווערטער איז ארויס געקומען פון מוהרא״ש׳ס מויל: ״דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר״ן״. צווייטנס, אז אפילו איך האב א רבי, איך אטעם דעם רבי׳ן און איך האב אוועק געגעבן מיין לעבן פאר דעם רבי׳ן וכו׳ וכו׳, דאך נעם איך דעם ספר נועם אלימלך פאר א סגולה און פאר א שמירה.

דער רבי האט זייער מפליא געווען דעם ספר נועם אלימלך. ווען מען האט געברענגט דעם ספר נועם אלימלך פארן רבי׳ן האט דאס דער רבי מורא׳דיג באוואונדערט און געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תקנג): ״ווי גרויס דער ספר איז - איז דער בעל מחבר פונעם ספר נאך אסאך גרעסער״. נאך איז מקובל ביי אנשי שלומינו, אז איינע פון די אכט זקנים וואס דער רבי דערמאנט אין די מעשה פון די זיבן בעטלערס (ספורי מעשיות, מעשה יג - פונעם ערשטן טאג), ווי איטליכער האבן זיך בארימט מיט זייער זכרון וכו׳, אז איינער פון זיי איז דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי״ע.

מוהרא״ש האט דערציילט, אמאל האט דער הייליגער רבי ר׳ זושא געפרעגט זיין ברודער דעם הייליגן רבי ר׳ אלימלך זי״ע: ״ווי אזוי האסטו זוכה געווען מען זאל זען ביי דיר אזעלכע גרויסע מופתים; מענטשן קומען פון איבעראל נעמען ברכות און דו וואונטשט זיי אן ברכות פאר שידוכים, פרנסה, געזונט און פאר קינדער, ווי אזוי מאכסטו דאס?״ האט דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו אים געענטפערט: ״איך האב אריינגעברענט צווישן מיינע תלמידים א שטארקע ליבשאפט איינער צום צווייטן, זיי האבן זיך זייער ליב, און דורך דעם פאסירן די גרויסע מופתים״.

דאס דארפן מיר זיך אפלערנען פון די צדיקים, ווי זיי האבן אריינגעברענגט ליבשאפט צווישן אידישע קינדער; ווייל אז עס איז דא שלום און ליבשאפט איז מען זוכה צו ישועות בכל ענינים.

איך בעט דיר זייער, געב אכטונג נישט צו האבן אין זיך די שלעכטע מידה פון קמצנות; געלט איז געמאכט צו ניצן, און אז דיין ווייב דארף עפעס האבן אין שטוב געב איר געלט. דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי״ע זאגט (נועם אלימלך, פרשת מקץ): אויפן פסוק (בראשית מא, מז): ״וַתַּעַשׂ הָאָרֶץ ... לִקְמָצִים״, אז דער פסוק קומט אונז מרמז זיין אז א מענטש דארף ארויסרייסן פון זיך די מדה פון קמצנות, עיין שם; בפרט אז דער רבי האט אונז קלאר געזאגט אז די גאנצע געלט קומט נאר בזכות וואס מען איז מכבד די ווייב (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סט), דערפאר, אז דו וועסט מכבד זיין דיין ווייב וועסטו האבן גרויס שפע.

נאכמער שטייט אין זוהר הקדוש (תיקוני זוהר, הקדמה ב.): ״קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְּאַבְרָהָן״, א קמצן איז א נבל און דאס איז א סימן אז ער שטאמט נישט פון אידן רחמנא לצלן.

פון אינדרויסן קען מען גארנישט זען; עס קען זיך דאכטן אמאל אויף א מענטש אז ער איז א וואוילער מענטש. ער איז מנדב כסדר זאכן וכו׳, ער קויפט עליות, ער שנאדערט וכו׳, אבער אין שטוב איז ער א פשוט׳ער רוצח, ער פייניגט זיין ווייב, ער לאזט נישט זיין ווייב נעמען א העלפער צו רוימען די שטוב, ער לאזט נישט קויפן וכו׳; פאר זיך פאטשקעט ער געלט רעכטס און לינקס, ער רייכערט ציגרעטלעך ווי א קוימען, ער קויפט אלקאהאל וכו׳, און זיין ווייב צאפט ער דאס בלוט.

איך בעט דיר ליבער ברודער, טייערער חבר, הארציגער תלמיד: ״געב פאר דיין ווייב געלט ווען זי דארף״; אן ערליכער איד געבט פאר די ווייב געלט ווען זי דארף, אן ערליכער איד פירט זיך אויף אין שטוב שיין, אן ערליכער איד איז מקיים וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין פד:): ״לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ״, א מענטש זאל נישט אויסגעבן זיין גאנצע געלט פאר זיין עסן, אויך זאל ער נישט קויפן קיין קליידער פאר מער וויפיל ער האט, אבער די ווייב און קינדער זאל ער מכבד זיין און אויסגעבן מער וויפיל ער האט; אזוי ווי רבי חיים ויטאל שרייבט (שער המצוות, פרשת עקב): ״איך האב געזען ביי מיין רבי דער הייליגער אריז״ל, אז ער האט נישט געקויפט פאר זיך טייערע קליידער, אויך האט ער נישט געגעסן קיין סאך, אבער פאר זיין ווייב האט ער מקפיד געווען צו

קויפן טייערע קליידער, כדי זי זאל זיין צופרידן, אפילו ער האט נישט געהאט קיין געלט".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויקהל פקודי, שבת פרה, שבת מברכים, כ"ב אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

די וואך שבת איז זייער א גרויסער שבת, דעם שבת ליינט מען פרשת פרה.

עס שטייט ביי די פרשה פון פרה אדומה (במדבר יט, ב): "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר", דער מצוה איז א חק, ווייל דער כהן וואס רייניגט דעם טמא'נעם מענטש ער אליינס ווערט טמא; וואס דאס איז זייער וואונדערליך, ווי קען דאס זיין אז דער וואס רייניגט, ער זאל אליינס ווערן טמא? נאר וואס דען, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: חֻקָּה חָקַקְתִּי, גְּזֵירָה גָּזַרְתִּי, אִי אַתָּה רַשַּׁאי לַעֲבוֹר עַל גְּזֵרָתִי" (במדבר רבה יט, א) - דער אייבערשטער זאגט: דאס איז א חק אן א טעם.

אבער אז מען קלערט אריין זעט מען אז דאס קומט ממש פאר אזוי ביי מענטשן; א מענטש וואס איז נעבעך אנגעפילט מיט חטאים פון קאפ ביז פיס, ער זינקט אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן. ביז ער איז זוכה און ער קומט צום הייליגן רבי'ן; דער צדיק געבעט זיך אפ מיט אים, ער הערט אים אויס, ער שמועסט מיט אים און ער געבעט אים עצות ווי אזוי ער זאל קענען ארויס קריכן פון זיינע פראבלעמען און ער טוט אים אן מיט שיינע קליידער. צוביסלעך הייבט ער אן צו לערנען און דאווענען, ביז דער אייבערשטער העלפט און ער טרעפט זיין שידוך. דער צדיק מאכט אים חתונה און נאכדעם לאזט ער זיך ווייטער אראפ צו אים, ער שמועסט מיט אים און מיט זיין ווייב, ביז דער כהן האט מטהר געווען דעם איש טמא.

'לְטַהֵר טְמֵאִים' איז שוין געווען, וואס געשעט יעצט? 'לְטַמֵּא טְהוֹרִים', יעצט זאגט דער מענטש אז דער כהן - דער צדיק וואס האט אים אפגעוואשן און זיך געפארעט מיט אים ביז ער איז געווארן טהור – איז גאר טמא! דאס איז דער חק פון פרה אדומה (במדבר רבה, שם): "כָּל הָעוֹסְקִין בַּפָּרָה מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, מְטַמְּאִין בְּגָדִים", דער וואס איז עוסק מיט דעם ווערט טמא, אבער "הִיא גּוּפָהּ מְטַהֶרֶת בְּגָדִים", ער אליינס מאכט יענעם טהור.
~~~~~~~~~~~

דאס איז א צדיק; אים גייט גארנישט אן. ער איז ביי זיך גארנישט, ער דארף גארנישט און ער וויל גארנישט, ער וויל נאר מקרב זיין נאך א איד צום אייבערשטן, ער וויל נאר אז נאך א איד זאל לעבן א חיים טובים.

דערפאר דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן דעם שבת אז מיר זאלן נישט מטמא מאכן דעם כהן; מיר זאלן שטענדיג געדענקען ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען בעפאר מיר האבן געטראפן דעם הייליגן רבי'ן. א מענטש דארף שטענדיג האבן הכרת הטוב פאר איינעם וואס האט אים געטון א טובה, בפרט פאר א רבי וואס האט אלעס אוועק געלייגט אין דער זייט אבי אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן און דו זאלסט וויסן אז דו קענסט אויך לערנען די הייליגע תורה.

שלמה המלך זאגט (משלי יז, יג): "מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה, לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ", ווער עס באצאלט צוריק שלעכטס פאר איינעם וואס האט אים געטון גוטס, זאל זיך נישט אפטון דאס שלעכטס פון אים; פארוואס קומט פאר דעם מענטש אזא קללה? ווייל עס איז נישט דא קיין ערגערע מדה פון זיין א כפוי טובה. א מענטש וואס איז א כפוי טובה, האט אין זיך אלע שלעכטע מידות.

מען דארף זייער אכטונג געבן קיינמאל נישט צו רעדן שלעכטס אויף א מענטש וואס האט דיר א טובה געטון; אויף קיינעם טאר מען נישט רעדן שלעכטס, אבער אז מען רעדט שלעכטס אויף איינעם וואס האט דיר געהאלפן איז דאס זייער א שלעכטע זאך, ובפרטי פרטיות אויף א רבי וואס האט זיך אינגאנצן אוועק געגעבן זיין לעבן, זיין משפחה, זיינע קינדער און זיין נאמען וכו' וכו', אלעס - נאר אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן; דו זאלסט וויסן ווי אזוי מען לעבט אין שטוב מיט א ווייב און קינדער; ער האט פארלוירן זיין נאמען אלעס נאר פאר דיר - אויף אזא איינעם טאר מען נישט רעדן קיין שלעכטס.

אמאל האט דער רבי געזאגט פאר ר' נתן "איך האב דיר שוין אריין געכאפט אין מיין זאק", האט ר' נתן געזאגט "רבי, בינד מיר צו אינעם זאק איך זאל נישט אוועק גיין". אזוי אויך האט דער הייליגער ר' נתן זכרונו לברכה אמאל געזאגט פאר זיין תלמיד ר' נחמן טולטשינער זכרונו לברכה: "אן ערליכער איד איז זייער שווער צו זיין, לאמיר כאטשיג ליב האבן אן ערליכער איד, לאמיר כאטש מקנא זיין אן ערליכער איד און נישט קריגן אויף אים"; זעט מען וואס ר' נתן איז געווען, ער האט שטענדיג געדענקט אז אנעם רבי'ן וועט ער נישט קענען אנגיין.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח, כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין

לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח". ווי אזוי איז מען זיך מטהר פון טומאת מת? נאר דורך 'וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ' - דורך לערנען און דאווענען; אז א מענטש לערנט און דאווענט ווערט ער געריייניגט פון טומאת מת. מאך דיר א שיעור אין גמרא, זאג די ווערטער פון די הייליגע גמרא, דאס וועט דיר מטהר זיין פון טומאת מת.

א פריילילכן שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## כ׳האב נישט באקומען די ריכטיגע הדרכה פאר די חתונה

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך דאנק דעם אייבערשטן אז ער האט צוגעפירט מיט א געוואלדיגע השגחה פרטית אז איך זאל אנהויבן צו הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, די שיעורים האבן מיר ממש געעפנט די אויגן און געוויזן דעם ריכטיגן ערליכן וועג אין לעבן, אין לערנען, אין דאווענען, אין אמונה, אין שבת קודש, און אין יעדן הינזיכט אין לעבן.

איך בין א אינגערמאן וואס האט שוין חתונה געהאט פאר א שיינע פאר יאר, און איך האב ב"ה ליכטיגע קינדערלעך קע"ה. אזוי ווי ביי רוב חסידישע בחורים און אינגעלייט, האב איך אויך חתונה געהאט מיט דעם געדאנק אין קאפ אז מ'דארף זיין א פרוש, זיין ווי וויניגער נאנט אין שטוב, וכו' וכו'. איך האב דאס טאקע מקיים געווען, איך האב נישט צופיל גערעדט און פארברענגט מיט מיין ווייב, און דערפאר האבן מיר קיינמאל נישט געהאט עכט קיין קירוב לבבות צווישן זיך. פארשטייט זיך אז דאס האט מיר גארנישט געהאלפן אין מיין ערליכקייט, איך האב זיך געמוטשעט מיט פילע שווערע נסיונות, מיט אסאך עליות און ירידות אין לויף פון די יארן.

א צייט צוריק בין איך אנגעקומען צו די שיעורים פונעם ראש ישיבה, און דאן האט זיך מיט פלוצלינג געעפנט די אויגן, איך האב אנגעהויבן צו פארשטיין אז דוקא מיט'ן לעבן בשלום אחוה ואהבה מיט די ווייב, דוקא דאס וועט מיר ברענגען נענטער צום אייבערשטן און דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל. איך האב אנגעהויבן הערן אז מ'דארף געבן גוטע ווערטער און קאמפלימענטס פאר די ווייב, און מ'דארף איר אפילו זאגן אז מ'האט איר ליב. איך בין זייער ווייט פון דעם און איך קען דאס נאכנישט טון, נאך אזויפיל יארן וואס אונזערע הערצער זענען אזוי ווייט איינער פון צווייטן. מיר דאכט זיך אז מיין ווייב האט אויך נישט קיין געפיל צו מיר, און מיט רעכט, מיר האבן קיינמאל נישט געהאט געהעריג קיין נאנטשאפט צווישן זיך.

איך בין אבער נאך זייער צעמישט אין די נושא, איך ווייס נישט ווי אזוי איך קען יעצט אנהויבן צוריק צו ווערן נאנט מיט מיין ווייב און האבן צוזאמען אן ערליכע און גוטע לעבן אן קיין פרישות. איך וואלט זייער מכיר טובה געווען אויב דער ראש ישיבה קען מיר אויסקלארן אין דעם נושא.

א גרויסן יישר כח.

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת כי תשא, י״א אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

וואס קענען מיר טון אז (דברים לב, יז): "חֲדָשִׁים מִקָּרֹב בָּאוּ - לֹא שְׂעָרוּם אֲבֹתֵיכֶם"; מען איז מדריך חתנים און כלות מיט חומרות און פרישות, זאכן וואס האבן נישט קיין שום שייכות מיט תורה, קיין שום שייכות מיט הלכה. מען פארדרייט דעם קאפ פון די אומשולדיגע חתנים און כלות מיט פאלשע לימודים.

דו זאלסט נישט אויסהערן איינער וואס וויל דיר אריין ברענגען אין שטוב פרישות, ווייל דאס איז עצת היצר; ער קומט מיט א פארשטעלטן פנים כאילו ער איז א פרומער און מענטשן מיט ווייניג שכל כאפן זיך גלייך צו צו פרומע משוגעת'ן. מען כאפט נישט אז דאס איז א תחבולה פונעם שטן אראפ צו ווארפן דעם מענטש אין גראבע עבירות; ווייל אז מען לייגט צו צום שלחן ערוך לאזט מען נאכדעם אלעס אפ און מען ווערט א פורק עול. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן תרי"ג מצוות, איינמאל מען לייגט צו - זאגט דער הייליגער ווילנער גאון - ווערט פון תרי"ג תרי"ד, וואס די תורה זאגט (בראשית כז, מ): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ", אז מען לייגט צו מצוות צו די תורה ווערט מען א פורק עול.

א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן רבי'ן פרעגן ווען און וויפיל וכו'; זיין ווייב האט געהייסן חוה. האט אים דער רבי געזאגט: "עס שטייט דאך (תהלים יט, ג): וְלַיְלָה לְּלַיְלָה - יְ'חַוֶּה".

ביים רבי'ן איז נאר געווען וואס דער שלחן ערוך זאגט; דער רבי האט געזאגט פאר איינעם וואס איז געקומען ווייזן זיינע חידושים וואס ער האט מחדש געווען אויף א תורה אין ליקוטי מוהר"ן: "דו קענסט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי דו ווילסט, דו קענסט זאגן פשטים אויף מיינע תורות, בתנאי אז דו זאלסט נישט אפטרעטן פון שלחן ערוך"; ווען א מענטש איז מחדש חידושים, אדער ער לערנט פאר הדרכות פאר חתנים, כלות און אינגעלייט אין ענינים פון שלום בית אדער חינוך וכדומה, דארף מען אכטונג געבן אז מען זאל נישט ווערן פארפירט און אוועק גיין פונעם דרך התורה - פון די ווערטער וואס די הייליגע חכמים האבן אונז געלערנט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אויף די אלע מדריכים וואס לערנען חומרות און פרישות פאר חתנים, אז זיי זענען עתיד ליתן את הדין; רוב גט'ן קומען פון דעם וואס מען איז מדריך מיט פאלשע לימודים. זיי האבן א תאוה צו זאגן חומרות פאר א צווייטן וכו'; דער רבי זאגט אויף דעם זייער שארף (ספר המידות, אות הוראה, סימן ה): "מִי שֶׁמַּחְמִיר לַאֲחֵרִים וּמֵקֵל לְעַצְמוֹ", וואר עס לערנט פאר א צווייטן חומרות ווען ער אליינס איז ווייט פון דעם אלעם, "עַל-יְדֵי-זֶה אֵינוֹ זוֹכֶה לִרְאוֹת בְּיֹפִי הַמֶּלֶךְ", וועט ער נישט זוכה זיין צו זען ווען משיח וועט קומען, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שמות רבה כה, ח): "אַל תְּהֵא

אוֹמֵר עַל מַה שֶּׁלֹּא שָׁמַעְתָּ, שָׁמַעְתִּי, וְלֹא תְהֵא אוֹסֵר לַאֲחֵרִים וּמַתִּיר לְעַצְמוֹ, אֶלָּא יִהְיוּ יוֹצְאִין מִפִּיךָ נֶאֱמָנִין כְּשֵׁם שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי מֹשֶׁה, וַאֲנִי מַרְאֶה לְךָ יֹפִי פָּנִים אֶל פָּנִים" עיין שם; וויפיל אינגעלייט פאלן נעבעך אראפ אין הארבע עבירות רחמנא לצלן נאר צוליב די פאלשע חתנים און כלה טיטשערס וואס זיי פארקויפן זייערע אייגענע פארקרומטע וועגן?! מען דארף זיך זייער היטן פון זיי.

מוהרא"ש האט מיר געזאגט אז ווען איך לערן מיט חתנים זאל איך נאר לערנען אינעווייניג וואס די שלחן ערוך זאגט און נישט חס ושלום צולייגן וכו', ווייל ווער עס לייגט צו צום שלחן ערוך איז אזוי ווי דער נחש הקדמוני וואס האט צוגעלייגט צום צווי פונעם אייבערשטן; דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון (בראשית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", מען זאל נישט עסן פונעם עץ הדעת, איז געגאנגען דער נחש און ער האט צוגעלייגט: 'לֹא תִגְּעוּ בּוֹ'. און איינמאל ער האט צוגעלייגט וכו' האט ער אראפ געווארפן דורכדעם אדם וחוה און גורם געווען אלע שלעכטס.

איך קען נישט שרייבן בפרטיות אין דעם ענין מפני הצניעות; אז דו ווילסט וויסן ווי אזוי צו לעבן וכו' - אין די תורה קען מען אלעס טרעפן. אז דו וועסט צולייגן קאפ און מח ווי אזוי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געלעבט, וועסטו אלעס אליינס פארשטיין, דו וועסט זען אז דער אייבערשטער איז אין שטוב, דו וועסט זען ווי אזוי אמת'ע ערליכע אידן לעבן מיט ליבשאפט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען מען זיך גרייטן פריילעכערהייט צום יום טוב פסח?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געליינט א בריוו וואס איר האט געשריבן ווי אזוי מ'קען האבן א פרייליכע יום טוב, דאס האט מיר זייער איבערגענומען, צו זען ווי אזוי מ'קען זיך צוגרייטן צו א יום טוב מיט רואיגקייט און שמחה, א גרויסן יישר כח.

איך האב געוואלט בעטן אויב איר קענט שרייבן נאך איבער די גרויסקייט פון פסח, ווי אזוי מ'קען זיך צוגרייטן צום יום ווי עס דארף צו זיין פון א רוחניות'דיגע שטאנדפונקט. און אויך אויב איר קענט שרייבן ווי אזוי מ'דארף זיך אומגיין מיט'ן רייניגן לכבוד פסח, ווי אזוי מ'קען דאס טון אויף א נארמאלן אופן, נישט מיט קיין משוגעת'ן.
~~~~~~~~~~

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויקהל פקודי, י"ח אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו זיין שטענדיג פרייליך; ווען א מענטש איז פרייליך פארברענט ער אלע קליפות און זיי קענען נישט האבן קיין שליטה אויף אים, ווייל די גאנצע זאך פונעם ס"מ איז עצבות און מרה שחורה, וויינען און קלאגן, מה שאין כן ביים אייבערשטן שטייט (דברי הימים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עס הערשט א שמחה; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דער אייבערשטער רוהט נישט ביי איינעם וואס איז טרויעריג, נאר ביי א מענטש וואס איז פרייליך; ווען א מענטש איז פרייליך איז ער ביי די קדושה און אזוי אויך פארקערט, ווען א מענטש איז בעצבות איז ער ביי די טומאה. דאס איז די וועג ווי אזוי א מענטש קען זיך מעסטן וואו ער האלט אויף דער וועלט.

דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף שמחה, ווייל דאס איז דער שליסל צו אלע מדריגות און צו אלע הייליגקייטן. ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטן מיט שמחה, היט אים דער אייבערשטער אפ פון אלע שלעכטס און דאס איז א שמירה אויף פגם הברית, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", ווען איך פריי זיך מיטן אייבערשטן איז: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ - איז מער נישט דא קיין עבירות (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קסט).

בפרט ווען מיר גרייטן זיך צו דעם גרויסן יום טוב פסח ווען מען איז זוכה ארויס צו גיין פון די טומאה, ווייל פסח גייט דאך יעדער איד ארויס פון גלות מצרים אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסחים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", דארף מען נאכמער מתפלל זיין אויף שמחה, ווייל אין די זעלבע צייט קומט דער יצר הרע און זוכט ווי אזוי ער קען אויפרעגן דעם איד, ווי אזוי ער קען אים אוועק גנב'נען זיינע מדריגות און זיינע קדושות, ער זוכט ווי אזוי ער קען מאכן אז דער טאטע זאל זיך אויפרעגן אויף די קינדער, אדער מאן און ווייב זאלן זיך צעאנפערן וכו'.

דערפאר דארף מען האבן ישוב הדעת און געדענקען נישט צו שרייען און זיך אויפרעגן אויף די שטוב; מענטשן מיינען אז 'שטויב איז חמץ און קינדער זענען די קרבן פסח. מוהרא"ש פלעגט זאגן: "מען דארף געדענקען ווען מען מאכט פסח'דיג אז שטויב

איז נישט קיין חמץ און קינדער זענען נישט קיין קרבן פסח", אזוי אויך דארף מען געדענקען אז א משהו כעס איז מדאורייתא און א משהו עצבות איז חמץ גמור - אויף דעם העלפט נישט קיין ביטול א גאנץ יאר.

מען דארף זיך פרייען מיט די מצוות בפשיטות, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן יב): "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דער עיקר אידישקייט איז ווען מען פירט זיך פשוט אן קיין חכמות.

דער רבי איז געווען זייער שטארק קעגן חומרות (עיין שיחות הר"ן, סימן רלה) ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נאך זאגן חז"ל (ברכות כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דער אייבערשטער האט נישט געגעבן די תורה פאר מלאכים נאר פאר אונז מענטשן לויט דעם וועג ווי אזוי מיר קענען דאס מקיים זיין; דאס איז לגבי סתם חומרות, אבער אפילו אויף דאס וואס שטייט פון די פריערדיגע (עיין בספר חרדים, פרק סא) אז יעדער איד זאל נעמען א מצוה וואס אין דעם וועט ער זייער מקפיד זיין און מחמיר זיין מיט אלע הידורים וכו', אזוי ווי מען זעט אין די גמרא (שבת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי' וְכוּ'", מיט דעם אלעם זאגט דער רבי אז מען מיינט נישט צו זאגן אז דער מענטש זאל ארייינלייגן אין די מצוה חומרות פון שטות, שגעון און מרה שחורה, מען מיינט נאר צו זאגן אז ער זאל נעמען איין מצוה וואס אין דעם מצוה זאל ער מדקדק זיין אן קיין נארישע חומרות. הלוואי זאלן מיר זוכה זיין צו מקיים זיין אלעס וואס דער אייבערשטער זאגט אין די תורה בפשיטות, ווייל דער עיקר אידישקייט איז תמימות ופשיטות, מען זאל זיך פרייען מיט די תורה ומצוות; עיין שם.

אפילו לגבי חומרות אום פסח האט דער רבי נישט געהאלטן אז מען זאל מקפיד זיין מיט חומרות וואס ברענגט מרה שחורה; דער רבי האט דערציילט אז ווען ער איז געווען יונג און ער האט נאכנישט געוואוסט דאס שעדליכקייט פון חומרות וכו' איז ער אויך אריין געפאלן אין דעם. ווען עס איז געקומען דער יום טוב פסח האט ער נישט געוואוסט וואס צו טון; יעדעס מאל איז אים אריינגעקומען נאך און נאך חומרות, ביז איין מאל האט ער געטראכט צו זיך: 'וואס טוט מען צו האבן ריינע וואסער אויף פסח, ווי אזוי קען איך אכטונג געבן צו האבן ריינע וואסער אויף פסח אן קיין חשש חמץ?' דעמאלט איז געווען די סדר אז מען פלעגט אנשעפן וואסער פאר גאנץ פסח, אבער דער רבי האט געטראכט אז דאס איז נישט אזוי אויסגעהאלטן ווייל מען קען נישט אפהיטן די וואסער פאר דעם גאנצן יום טוב אז עס זאל נישט צו קומען צו דעם קיין משהו חמץ, ביז דער רבי האט געטראכט אז דאס בעסטע וואסער וואלט ווען געווען "קוואל וואסער", ווייל א קוואל האלט דאך אין איין קוועלן פרישע וואסער כסדר אן קיין שום

חשש חמץ. אבער דארט וואו דער רבי האט געוואוינט איז נישט געווען קיין קוואל וואסער, האט ער געטראכט אוועק צו פארן מיט די משפחה אויף יום טוב צו א פלאץ וואו עס איז דא א קוואל, אזוי שטארק זענען געווען זיינע חומרות אויף פסח; האט דער רבי אויסגעפירט: "אבער ברוך השם אז היינט דארף איך נישט קיין חומרות, היינט ווייס איך אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר מענטשן און נישט פאר מלאכים, היינט פריי איך זיך מיט די מצוות אליינס".

אז מיר שטייען יעצט פאר אזא הייליגע יום טוב דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זיך פרייען מיט די מצוות, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט (עיין הקדמת ספר חרדים) אז ער איז צוגעקומען צו אלע זיינע מדריגות נאר צוליב דעם וואס ער האט זיך געפריידט מיט די מצוות פונעם אייבערשטן, אפילו מען זאל אים געבן די גאנצע געלט פון דער וועלט וואלט ער נישט אוועק געגעבן קיין שום מצוה.

אז א איד פריידט זיך מיט די מצוות איז א סימן אז ער האט א ריינע אמונה און ער האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות שמחה א) "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", ווען א מענטש פריידט זיך מיט די מצוות וואס ער טוט, איז א סימן אז דער מענטש איז אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

### זאל איך אויפגעבן מיין סמארטפאן? אפילו כ'שפיר אז כ'דארף עס האבן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח אויף די שנעלע תשובה וואס איך האב באקומען, חיזוק וועגן א שידוך און וועגן מיין סמארטפאון, און חיזוק צו ווייטער לערנען משניות. איך בין ב"ה געווען ביים ציון פון מוהרא"ש און אויסגעזאגט גאנץ תהלים לזכותו, איך בעט דעם אייבערשטן פאר א שידוך בקרוב.

למעשה בין איך נאכאלץ צעמישט וואס צו טון וועגן מיין סמארטפאון, איך ווייס נישט אויב די תועלת איז מער אדער די שאדן איז מער. פון איין זייט באקום איך דארט די דרשות פונעם ראש ישיבה און נאך גוטע זאכן, און פון די אנדערע זייט איז דארט דא אויך שלעכטע זאכן.

יישר כח.

יהושע

### תשובה:
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ח אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

טייערער ברודער, וואס איז בכלל דיין שאלה?! עס לוינט זיך גארנישט אין דער וועלט אויב מען קען נכשל ווערן אין איין שלעכטן קוק, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עדיות ה, ו): ״מוּטָב לִי לְהִקָּרֵא שׁוֹטֶה כָּל יָמַי, וְלֹא לַעֲשׂוֹת שָׁעָה אַחַת רָשָׁע לִפְנֵי הַמָּקוֹם״, ענדערש זאל א מענטש זיין א שוטה זיין גאנץ לעבן ווי איידער צו זיין א רשע איין מינוט, חס ושלום; פאר איין שלעכטע הסתכלות איז שוין נישט כדי צו האבן דעם סמארטפאון, ווער רעדט נאך אז דאס נעמט אינגאנצן אוועק דעם מח פונעם מענטש, איז וואס דארפסטו בכלל האבן דעם טעלעפאן?! אנשטאט זיך שפילן מיט דיין סמארטפאון וואלט איך דיר געזאגט דו זאלסט נעמען א משניות און זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות.

ווען א מענטש איז זוכה צו לערנען משניות וועט ער אנקומען צו די גרעסטע מדריגות וואס איז נאר שייך, אזוי ווי עס איז באוואוסט אז דער הייליגער בית יוסף זכר צדיק לברכה האט זוכה געווען צו א מלאך פון הימל וואס פלעגט קומען צו אים יעדן טאג און דער מגיד האט אים געזאגט אז ער האט זוכה געווען צו אלע זיינע מדריגות נאר ווייל ער האט געלערנט אסאך משניות.

איך האב דיר ליב און איך וויל דיין גוטס; גלייב מיר, איך האב נישט קיין שום נגיעה אין דעם וכו׳ איך וויל נאר זען ווי דו וועסט מצליח זיין אין לעבן. לאז דיך נישט איינרעדן פון די נישט גוטע אז דאס וועט דיר ברענגען צו עבודת השם, כאפ זיך אריבער נאכאמאל צום ציון פון מוהרא״ש זכרונו לברכה און טו וואס דער אייניקל פונעם חכם האט געטון נאכדעם וואס ער האט נישט געוואוסט ווער עס רעדט אים צו צו ניצן דעם ספר וכו׳ ווען ער האט געזוכט שידוכים פאר זיינע טעכטער (סיפורי מעשיות מעשה ג׳, מחיגר) ער האט געשריגן ביי זיין זיידענ׳ס קבר: ״איך ווייס נישט צי מיין הארץ רעדט מיר אן איך זאל דאס ניצן וכו׳ אדער די שדים רעדן דאס מיר צו וכו׳״, האט אים דער זיידע געענטפערט: ״כאטשיג דו קענסט עס ניצן וכו׳, דאך איז בעסער דו זאלסט האבן אמונה אינעם אייבערשטן״; זעט מען פון דעם וואס מען האט צו טון ווען מען האט א ספק, עס איז דא נאר איין עצה: ׳גיין צו א קבר פון א צדיק און זיך דארט אויסשמועסן דאס הארץ צום אייבערשטן׳.

כאפ זיך אריבער מזמן לזמן קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא״ש זכרונו לברכה און זיי זיך דארט מתבודד, בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיך נישט נארן אויף דער

וועלט. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, איר זאלט אייך נישט לאזן נארן ווייל די וועלט נארט אייך; קוק מיט אן אמת'ער אויג וויפיל דער סמארטפאון קילט דיר אפ פון דיין אמונה און יראת שמים, בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זיך נישט נארן, איך זאל וויסן דעם אמת ביי מיר וואס איז גוט פאר עבודת השם און וואס שטערט פאר עבודת השם. הייליגער באשעפער איך בין אזוי צוגעקלעפט צו מיין טעלעפאן אז איך בין שוין ממש איבערצייגט אז דאס איז גוט פאר מיר, איך רעד זיך איין אז דאס ברענגט מיר יראת שמים; הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל זיך נישט אפנארן, אפילו איך קען עס נאך נישט אוועק לייגן וכו' זאל איך כאטשיג וויסן אז דאס איז נישט גוט פאר מיר, איך זאל מתפלל זיין יעדן טאג אז איך זאל האבן די כח צו קענען זאגן פארן יצר הרע 'איך וויל נישט קיין טעלעפאון וואס מען קען זען אין דעם שמוץ', איך וויל זיין אן ערליכער איד. רבונו של עולם, איך ווייס דאך וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא נז:) אז אויב א מענטש דארף אריבער גיין ביי א פלאץ וואו פרויען וואשן זייערע קליידער ווען עס איז דא אן אנדערע וועג צו גיין, אבער ער גייט דוקא דורך דארט כדי צו קוקן - איז ער א רשע; הייליגער באשעפער, אויב ווען מען גייט אריבער א פלאץ וואו מען וואשט קליידער איז מען שוין א רשע, וואס זאל איך טון ווען איך גיי אריבער אלע עקעלדיגע פלעצער, איך קוק אויף מיין טעלעפאן אויסגעלאסענע בילדער, עקעלדיגע מאוויס... העלף מיר אייבערשטער, איך וויל זיין א אן ערליכער איד, געב מיר כח איך זאל קענען זאגן פאר מיר אליינס אז איך ווארף עס אוועק".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן שכל און זיך נישט לאזן נארן.

...

~~~~~~~~~~~

### מעג מען נוצן די ארבעט'ס קאמפיוטער פאר די אייגענע צוועקן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א גרויסן יישר כח פון אלע שיעורים, אייער זכות הרבים איז געוואלדיג גרויס.

איך האב געוואלט בעטן אן עצה, רוב פון מיין ארבעט איז אויף א קאמפיוטער ביי א ביזנעס, עס האט ב"ה א גוטע פילטער און ס'האט נישט קיין פראבלעמען אין עניני קדושה. דער פראבלעם איז אבער אז איך טו אסאך זייטיגע זאכן אויפ'ן קאמפיוטער, סיי פאר מיר און סיי פאר טובות פאר אנדערע, צו באשטעלן זאכן וכדומה.
~~~~~~~~~~~

למעשה גייט מיר אוועק א האלבע צייט פון די ארבעט פאר די זייטיגע זאכן, און דאס גייט אויפ'ן חשבון פון מיין באלעבאס וואס צאלט מיר פאר די פולע צייט וואס איך ארבעט. איך ווייס אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן איך דארף אבער אן עצה ווי אזוי פטור צו ווערן פון די זייטיגע זאכן אויפ'ן קאמפיוטער, און נישט ווערן אריינגעצויגן אזויפיל אין זייטיגע זאכן.

א גרויסן יישר כח. ברכה והצלחה.

חיים

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויקהל פקודי, י"ח אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז גנב'נען איז זייער א הארבע זאך, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין קח.): "בּוֹא וּרְאֵה כַּמָּה גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל חָמָס, שֶׁהֲרֵי דּוֹר הַמַּבּוּל עָבְרוּ עַל הַכֹּל וְלֹא נֶחְתַּם עֲלֵיהֶם גְּזַר דִּינָם עַד שֶׁפָּשְׁטוּ יְדֵיהֶם בְּגֶזֶל", ביים דור המבול האבן די מענטשן עובר געווען אויף אלע עבירות, אבער די גזירה פון פארלענדן דעם גאנצן דור דורך דעם מבול האט דער אייבערשטער גע'חתמ'עט נאר נאכדעם וואס זיי האבן געטון די עבירה פון גנב'נען, אזוי הארב איז די עבירה פון גנב'נען.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות גניבה וגזילה, סימן א): "מִי שֶׁנִּפְתָּה לִבּוֹ לִגְזֹל וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", ווער עס גנב'עט איז נישט דא קיין וועג ווי אזוי מען קען אים מאכן אויפהערן גנב'נען; מוהרא"ש איז דאס מסביר, פארוואס טאקע איז גנב'נען אזוי הארב אז דער רבי זאגט אז מען קען נישט צוריק ברענגען דעם מענטש צום גוטן וועג? ווייל מען זעט אין די גמרא (בבא קמא עט:): די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי האבן אים געפרעגט: "מִפְּנֵי מַה הֶחֱמִירָה תּוֹרָה בְּגַנָּב יוֹתֵר מִגַּזְלָן?" פארוואס האט די תורה מער מחמיר געווען ווען איינער האט גע'גנב'ט אז ער דארף באצאלן דאפעלט ווי ביי איינער וואס גזל'ט, האט ער געזאגט: "זֶה הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ, וְזֶה לֹא הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ", דער וואס גנב'ט באהאלט זיך אז קיינער זאל נישט זען, ווייזט ער מיט דעם אז ער גלייבט נישט אז דער אייבערשטער איז דא, קומט אויס אז ער איז א כופר בעיקר, ווייל ווען ער וואלט ווען געגלייבט אז דער אייבערשטער איז איבעראל, ער זעט אלעס און הערט אלעס, מען קען זיך נישט באהאלטן פון אים, וואלט ער זיכער נישט גע'גנב'ט פון רוב פחד אינעם אייבערשטן.

איך געדענק אז יארן צוריק ווען איך בין געווען א מלמד בין איך קיינמאל נישט ארויס פון כיתה שמועסן מיט די אנדערע מלמדים בזמן הלימוד, בשעת וואס מלמדים פלעגן שטיין אינדרויסן אין שמועסן אויפן חשבון פון די קינדער; דער רמב"ם שרייבט (פרק ב׳ מהלכות תלמוד תורה, הלכה ד) "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא, אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן, אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדָן - הֲרֵי הוּא בִּכְלַל ׳אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה׳ (ירמיהו מח, י); אנדערע מלמדים האבן געמאכט געשעפטן בזמן הלימוד, זיי האבן זיך געקויפט הייזער וכו׳, דאס איז ריכטיג גניבה וגזילה. ווייל אלע זייערע געשעפטן וואס זיי האבן זיך איינגעהאנדלט אין די צייט וואס זיי דארפן זיין אין כיתה - געהערט פאר די קינדער, דאס איז בכלל נישט זייערס; דאס זעלבע איז ביי דיר, אלעס וואס דו קויפסט אין די צייט וואס דו ארבעסט פאר דיין בעל הבית געהערט פאר אים און אלעס וואס דו ביסט מרויח דערפון איז גניבה.

זאג נישט אז דו קענסט נישט וכו׳, זאג אז דו ווילסט נישט; איינער האט געפרעגט דעם רבי׳ן ווי איז שייך צו זאגן אז א מענטש האט א בחירה? אויב מען איז צוגעקלעבט צו שלעכטע מעשים ווי אזוי איז שייך צו זאגן פאר א מענטש: "דו האסט א בחירה", עס איז דאך אומעגליך זיך אפצושיידן פון א געוואוינהייט! האט אים דער רבי געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן קי) "אויב מען וויל טוט מען עס, און אז מען וויל נישט טוט מען נישט"; שרייבט ר׳ נתן (שם): איך האב מיר פארצייכנט וואס דער רבי האט אים געענפערט, ווייל זייער אסאך מענטשן זענען זיך טועה אין דעם, זיי פרעגן די קשיא: "ווי איז שייך צו זאגן אז איך האב א בחירה, ווען איך קען זיך נישט אפשיידן פון מיין געוואוינהייט וואס איך האב זיך צוגעוואוינט צו טון?" דערפאר מיינען זיי אז עס איז טאקע אומעגליך ארויסצוקריכן פון דעם, אבער באמת איז נישט אזוי, נאר יעדער מענטש האט שטענדיג א בחירה און קען אויפהערן טון שלעכטע מעשים.

זע צו טון דיין ארבעט אזוי ווי עס דארף צו זיין וועט דיר גוט זיין.

...

~~~~~~~~~~~

**כ׳בין שוין א חתן, ווי אזוי רעד איך יעצט ווייטער צום אייבערשטן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א יישר כח פאר די הערליכע דרשות, נישטא קיין ווערטער אייך צו באדאנקען.
~~~~~~~~~~~

געלויבט דער באשעפער אז איך בין א חתן געווארן למזל טוב, ביז יעצט האב איך נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן פאר א שידוך, איך האב געוויינט און פארפירט צום אייבערשטן אויף דעם. יעצט אבער, ווען איך בין שוין א חתן געווארן, וואלט איך געדארפט האלטן אין איין דאנקען דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים, אבער יעצט האב איך שוין דעם שטארקן געפיל צו דאנקען און דאנקען די גאנצע צייט אזוי ווי איך האב געבעטן אזוי סאך פאר דעם.

יישר כח.

שלום

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ח אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד החתן שלום נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מזל טוב פאר דיין שידוך! דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זוכה זיין אויפצושטעלן א שיינע ערליכע שטוב און דו זאלסט שטענדיג געדענקען די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר און וואס ער טוט מיט דיר.

יעצט אז דו האסט שוין דיין שידוך ביסטו שוין רואיג, ווייל ווען מען טרעפט א שידוך ווערט מען רואיג. דאס איז דער לשון פון ׳שידוך׳ אזוי ווי דער תרגום זאגט אויפן פסוק (שופטים ג, ל): וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ - ״וּשְׁדוֹכַת אַרְעָא״. ממילא איז יעצט די צייט אז דו זאלסט אנהייבן לערנען שיעורים כסדרן אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן (כמבואר בשיחות הר״ן, סימן עו). זע צו לערנען יעדן טאג אביסל מקרא, משנה, גמרא, מדרש, הלכה וכו׳; אז דו וועסט יעצט אנהייבן צו לערנען וועסטו אויך לערנען שפעטער נאך די חתונה, און אז דו וועסט לערנען נאך די חתונה וועלן דיינע קינדער אויך לערנען, און דו וועסט אויפשטעלן א שיינע שטוב לשם ולתפארת.

ביז יעצט האסטו געבעטן נאר פאר א שידוך, יעצט אז דו ביסט א חתן געווארן דארפסטו מתפלל זיין פאר געזונט, פרנסה, קינדער און נחת. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין מט:): ״עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם; תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ״, צען מאס רעדן איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, ניין האבן גענומען די פרויען און די איבעריגע איז געגאנגען פאר די גאנצע וועלט. מוהרא״ש זאגט אויף דעם זייער א שיינעם פשט. ביז מען טרעפט א שידוך האט מען נאר איין זאך אויף וואס צו מתפלל צו זיין, דאס הייסט איין קב תפילה, ווייל דער עיקר בעט מען פאר א שידוך, אבער ווען מען טרעפט שוין די שידוך דעמאלט האט מען די אייגענע קב און די ניין קבים פון די

פרוי, צוזאמען האט מען אלע צען קבים. ווייל דעמאלט הייבט מען אן צו בעטן פאר זיך און פאר די ווייב און קינדער, און אזוי ווייטער.

ברסלב׳ער חסדים פירן זיך יעדן צופרי גלייך ווען זיי שטייען אויף צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף זייער שידוך, זיי זאגן: ״רבונו של עולם, איך לויב דיר און איך דאנק דיר אז איך האב חתונה געהאט״. אזוי אויך יעדעס יאר ווען עס געפאלט דעם טאג וואס מען האט חתונה געהאט פירט מען זיך צו זאגן הלל (אן א ברכה), מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף די חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון אז מען האט געטראפן א שידוך; דאס איז שעשוע עולם הבא, צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ב).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זוכה זיין אופצושטעלן א בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

...

~~~~~~~~~~

**מוותר זיין אויף די פורים סעודה פאר כיבוד אב ואם?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די אלע שיעורים און בריוו וואס זענען מיר זייער מחזק אלעמאל.

איך בין א מיידל, און איך בין א לערערין, און איך האב צוגעגרייט א שיינע פורים מסיבה פאר די תלמידות. למעשה אבער ווען עס איז געקומען צו די מסיבה האט איך נישט געקענט אהינגיין מיטהאלטן, ווייל מיין מאמע האט מיר געבעטן צו בלייבן אינדערהיים אכטונג צו געבן אויף די קינדער. מיינע עלטערן האבן געדארפט אוועקגיין און מיינע געשוויסטער האבן זיך אלע ארויסגעדרייט, און למעשה האב נאר איך מסכים געווען צו בלייבן אכטונג געבן אויף די קינדער, ווייל איך האב געהערט פון אייך אזויפיל איבער די גרויסקייט פון כיבוד אב ואם, דאס האט מיר אבער זייער צעבראכן, ווייל איך האב אזוי שווער געארבעט אנצוגרייטן די מסיבה, און נאכדעם האב איך אליין עס נישט געקענט מיטהאלטן.

ווי אזוי קען מען זיך שטארקן צו בלייבן פריילעך אין אזא צייט?

יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויקהל פקודי, כ׳ אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.
~~~~~~~~~~

וואויל איז אייך אז איר זענט נזהר אין די מצוה פון כיבוד אב ואם; וויפיל מען זאל נאר טון פאר עלטערן איז מען קיינמאל נישט יוצא די מצוה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פאה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, וְאֵלּוּ הֵן: כִּבּוּד אָב וָאֵם"; דער אייבערשטער באצאלט פאר כיבוד אב ואם שכר נאך אויף דער וועלט.

איך בין מקנא אייער זכות, אז איר האט געהאט די שטארקייט צו מוותר זיין אויף די פורים מסיבה כדי צו בלייבן אין שטוב העלפן אייערע עלטערן. דער אייבערשטער וועט אייך בענטשן מיט נחת ביי אייערע קינדער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווי אזוי א מענטש פירט זיך, אזוי פירט זיך דער אייבערשטער צוריק צום מענטש, און נאך פיל מער ביי א גוטע זאך.

ווען מענטשן וואלטן ווען געוואוסט וואס דער רבי לערנט אונז, וואלטן אלע געברענגט זייער קינדער צום רבי'ן. אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען קסרין און קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען צו מיר". מען זעט בחוש וואס דער רבי געבט פאר א מענטש; דער רבי געבט שכל און דער רבי לערנט מיט אונז אז מיר זאלן זיך פירן מיט מידות טובות. פון אייער מעשה אליינס קענט איר זען וואס ברסלב איז; אלע אייערע געשוויסטער האבן זיך ארויסגעדרייט פון צו דארפן העלפן וכו', נאר איר וואס איר הערט די חיזוק און די שכל פון רבי'ן, האט איר מוותר געווען אויף אלעס אבי צו העלפן אייערע עלטערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~